STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13572

# AMOL, AMOL

Leib Malach

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. מלאך

# אַמאָל, אַמאָל.

עפּיק

PRINTED in POLAND

פֿאַרלאַג א. גיטלין
ווארשע / 1922

הילע׳
ה. גאָלדבערג

געזעצט ביי א. שריפטגיסער

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

אין רואיקע רגעס נאָכן אויפֿגעברויזטן
שטורעם — דיר שרה׳לע.

# I.

# די רויטע לעגענדעס.

# דער נס אין געטאָ.

I

די וואַנט האָט פון דער הייך אַראָפּגעשפּילט
אַ צייכן פון דער גרענעץ צווישן טאָג און נאַכט,
און באַלד
האָט זיך דאָס געטאָ-טויער צוגעמאַכט,
אַ שווערער סקריפּ טוט פון אַן אייזן-ריגל,
ווי קייטן קרעכצן אויף געשמידטנע הענט
דער ווייטער פּורפּור מַעֲרָב האָט
געצאַנקט נאָך אויף אַ שויב, אַ קירכן-שפּיץ צוברענט
אין מִזְרָח-טייל, אין געטאָ פון דער שטאָט,
שפּרייט דאָס פינסטערניש שוין ווי אויף שוואַרצע פליגל.

קוים האָט די נאַכט אין גראָען טונקלניש געהילט
די בלאָע רו,
קוים איז דאָס שווערע טויער, וואָס צוטיילט און שיצט
געוואָרן צו —
האָט עפּעס איצט

דאָס געטאָ אויפגעלעבט און פֿריי דערפֿילט —
עס צינדן אָן זיך יום־טובֿ'דיקע ליכטער,
עס פֿאַלן פֿון די פֿענסטער העלע פּאַסן,
באַלייכטן היימלעך ציטערדיק די ענגע גאַסן,
וואָס ווענען פֿול
מיט גייענדיקע פֿריילעכע געזיכטער,
פּונקט ווי פֿאַרשקלאַפֿטע קערן אום צו זייער גדולות —
אין דער שול, אין דער שול.
עס גלאַנצן שוואַרץ און בלאָען אָוונט, זייד און אַטלאַס
עס רוישן די מלבושים אָן דער געלער לאַטע.
אין דער שטילער נאַכט די נייע
ליל־שמורים איז אַ נאַכט אַ פֿרייע,
עס בליקט גאָטס אויג פֿון צווישן די מיליאָנען שטערן
עס וואַכט דער נבֿיא אליהו גראָ און טרויער,
און טרינקט אין יעדן יידיש הויז דעם כּוס פֿון טרערן,
עס וואַכט דער וועכטער לעת־עתּה
און בליקט אַראָפּ אין געטאָ פֿונם טורם
נאָך עמעץ וואַכט... באַהאַלטן אין אַ שפּאַלט פֿון מויער,
— „ליל־השמורים"...

## II

פֿאַרגליווערט ווייס ליגט אויסגעגאָסן
די זילבער רו.
פֿון ערגעץ ווו
שלאָגט צוועלף — פֿאַרטויבטע האַרטע קלאַנגען,
אַ וווּנדערלעכע נאַכט.
אַ וועלט מיט שיינקייט איז אין כּישוף איינגעשלאָסן.
אַ ים מיט פּראַכט
געפּרעסט ליגט אין די אָרעמס פֿון דער שטאָט געפֿאַנגען
די שטאָלצע גאָלדענע קופּאָלן גרייכן
נאָך העכער ווי זיי זענען, גלייך זיי ווערן
לכּבֿוד עפּעס איינגעהילט אין בלייכן.

און דאָך, ווער קאָן דעם שטומען צויבער איצטער שטערן,
עס שלייכט זיך ווער געהיים, אַ נמאס׳ער בן־אָדם

און רייסט דאָס בלאָ=געוועב,
דעם טרוים געשפּינטן פאָדעם —
עס שאַרט זיך האַרט פון הינטער יענעמס פוס די טריט
אַן אומבאַקאַנטער יעזואיט .
פאַרהילט אין אַ געוואַנטן=מאַנטל, שוואַרץ
פאַרהילט אויף עפּעס נאָך... און אויף אַ סוד אין האַרץ,
עס בליצן אויגן צוויי אַפּער דער מיץ, פאַרשפּיצט
ווי חיות בעת זיי צילן אויף אַ לויער,
די ליפּ פאַרקרומט, די ציין פאַרקריצט,
און אַט דערגרייכט די לעצטע גאַס שוין ס'שוואַרצע גוף,
אַ שטילן קלאַפּ אין וועכטערס פענסטערל, אַ רוף,
אַ שאָרך... אַ שעפּטש... עס עפנט זיך דאָס געטאָ=טויער.

## III

גלין גלאָן!

דער ראָזער מִזרח פֿאַרבט דעם בלאַס, מאָרגן.
פֿון הינטער די קופּאָלן, דעכער, מויערן
פֿון העלן גאָלד אַרויסגעפּיקט, פֿאַרבאָרגן
ווערט פֿריש אַ יונגער טאָג געבוירן.
באָם באָם!
עס האָבן דאָס צוקלונגען זיך די גלאָקן.
אַ פֿייערטאָג איז היינט? אַ יום־טובֿ? אָדער סתּם
אַזוי אַ מאָרגן־תּפֿילה?
בים־באַם! בים־באַם! בים־באַם!

אַריבער איבער שפּיצן, קוימענס, דעכער,
גייט־אויף אַ בלוטיק רויטע זון, אַ רונדער פֿלאַם:
דאָס געטאָ כאַפּט זיך אויף אומרויק און דערשראָקן,
עס שטאַרן בליקן פּחדים׳דיקע פֿון די לעכער

אַהין אין יענער זייט... אין יענער זייט פון מייער,
עס קלאַפּן ציינער, ליפּן שעפּטשען: ס'זאָל חָלִילָה...
נאָר דאָרטן שטראָמען שוין פון אַלע גאַסן
אַ כוואַליע ברוינזנדיקע מאַסן
אַהער, אַהער, אַהער צום געטאָ=טויער
באָם באָם!

אַ וויגנדיקער מענטשן=ים
די שמאָלע געטאָ=געסלעך פּלייצן,
עס גלאַנצן אין די מאָרגן=שטראַלן ווייסע קרייצן,
עס פֿאַלן האַרטע קולות רוגזה פול —
צו דער שול! צו דער שול!

## IV

אַלץ חוצפּה'דיקער, דרייסטער און פֿאַרשייטער,
אַלץ הילכיקער צוקלינגען זיך די גלעקער,
(אַן אָנזאָג פֿון אַ גרויסן שקר)
אַלץ ווערן אָנגעצונדענער די אויגן,
אַלץ ווערן פּויסטן צוגעפּרעסט געצויגן.
אַלץ ווערן מער פֿאַרביסענער די ליפּן
און אַלץ באַגערט זיך נענטער צוצושטופּן
צו דער שול, צו דער שול.

און דאָ און דאָרט אויף פֿערד געפּאַנצערט שטייען רייטער
באַוואָפֿנט, גרייט, דער עולם שטייט געבויגן,
געהילט אין שוואַרצן ליגט אַ הרוג אויסגעצויגן,
אַן אומבאַקאַנטער קליינער זון פֿון קריסטוס אומה.
דער גוף געלעכערט, פֿול באַדעקט מיט וווּנדן,

אַ שוואַרע שרעק הענגט אין דער לופט, אַ שטומע —
באַלד פאַלט אַ פונק און ס'ווערט דער פלאַם דערצונדן
באַלד ווערט דאָס געטאָ פון אַ רויטן טייך פאַרפלייצט,
עס פאַלן בליקן פון המון צורייצט
און דרינגען ביז אַדורך די לאָדן־שפּאַלטן.
עס שמייכלען ליפּן עמעצנס אין זיך באַהאַלטן,
נאָר פּלוצלונג עפנט זיך אַ טיר אויף פון אַ הייזל;
און ס'באַווייזט זיך אויף דער שוועל
דאָס געשטאַלט פון אַן אַלטן דיין
אין חדוות'דיקן אויסזען, רחבות'דיקער מראה.
ער קומט מיט פעסטע טריט און מיט אַ בליק אַ פרייען,
עס מיילט אָפּ פון המון אַ קרייזל נאָך אַ קרייזל
און ס'מאַכט זיך ווי פון זיך אַליין אַ וואַרע.

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

## V

אַרום איז פֿול מיט בישאָפֿן און קאַרדינאַלן.
דער דַיָן רעדט, די פֿרומע אויגן גלײַזן:
—„נישט מיר און נישט די מַחֲנֶה פֿון אַרום דאָ ווײַזן
דורך וועמענס הענט דער קָרְבָּן איז געפֿאַלן!"
און עפּעס שטיל באַשווערט ער דאַן דעם מֵת.
דער עולם שטוינט, ס'געשעט אַ נֵס.
דער הָרוּג שטרעקט אויס זײַן פֿאַרשטאַרטע האַנט
און טונקט די פֿינגער אײַן אין אייגן בלוט
און ציט זי העכער, הויך און לאַנג אַרויס,
דערלאַנגט זי צו דער ווײַסער וואַנט
און שרײַבט מיט רויטע אותיות דאָרט אויס
דעם נאָמען פֿון... אַ יעזואיט...

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . .

דער עוֹלָם שטייט ווי כּישוּף'דיק באַצוווּנגען,
דעם דִינָם פָּנִים לייכט, עס שטראַלן זיינע אויגן —
אַ וואָלקן ווערט אויף עמעצנס געזיכט פאַרצויגן.

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

גלין, גלאָן! —— גלאָן! ——————
די קירכן־גלאָקן הערן אַלץ נישט אויף צו קלינגען.

# קָרְבַּן פֶּסַח.

I

עס גוססט'ן די שטראַלן אויף דעם קירכן־שפּיץ און שטאַרבן
און קייגן מַעֲרב לעשן זיך די גאָלד־צופלאַמטע שויבן,
עס הילן זיך סעווילאַס גאַסן איין אין טונקל־גראָע פאַרבן.
די קלויסטער־גלאָקן רופן צום פאַרנאַכטיקן געבעט
און אָוונט־תּפִלָה,
עס איילן זיך די גייסטלעכע צו די אַלטאַרן,
עס איילן זיך די פרומע פאַרן שלאָפן גאָט צו לויבן,
עס איילן אויך די זינדיקע פון טאָג
אַהין זיך זיין מִתְוַדֶה.
עס שלייכן זיך פאַרליבטע אום, פאַרבענקטע, שטילע
און שפּילן ליבעס־מעלאָדיען אויף גיטאַרן —
אָט הערט זיך הינטער וועמענס פענסטער צאַרט
אַ סערענאַדע.

נאָר וואַרט, וואָס איילן אין די הינטער-געסלעך עפּעס

סעוויל'אַס גרעסטע ל'ייט מיט טריט געהיימע?

באַקאַנטע מענטשן גנב'ענען זיך דורך מיט אימה —

פּרי'ען, די געזיכטער טיף פֿאַרהילט אין קרעפּעס,

קומען אַלע צו אַ בנין, צו אַ גרויסן.

שטייט אַ זעלנער אויף דער וואַך אין דרויסן —

ער רוט אַ שרעק אַ ציטערדיקע אויף זיין פּנים

און הינטער זיין חלות-מאַנטל ליגט אַ סוד באַהאַלטן —

ער קוקט מיט חשד אויף יעדן, סיי אַ יונגן, סיי אַן אַלטן

ער לייענט סודות'דיק אין יעדנס האַנט

אַ לשון-קודש'דיקער כתב,

ער וועט אַריין נישט לאָזן קיינעם

ביז ער הערט נישט די סימנים:

„דצ"ך עד"ש באח"ב — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

## II

און ערגעץ אין די שמאָל און לאַנגע קאָרידאָרן
פֿון אונטערערדישע געמאָלטע שוואַרצע הײלן,
אין קלויסטער־קעלערן, געוועלבט מיט שטײנער־װײלן,
קבֿרים־קעלערן פֿון לעבעדיקע יאָרן,
געזעסן זענען בײַ די קלײנע פֿלעמעלע־ פֿון ליכטלעך
די דינער פֿון דער אינקוויזיציע, „די הײליקע מִשְׁפָּחָה",
די אויערן און שטערנס טיף פֿאַרהילט ביז אין די אויגן,
טײל איבער גרויסע פֿאָליאַנטן געבויגן,
טײל האָבן זיך געשמועסט גאַנץ געמיטלעך.
פּלוצלונג האָט די שווערע טיר זיך אויפֿגעריסן
און דער גרויס־אינקוויזיטאָר דאָן־פֿערדינאַנד
איז רעש'נדיק אַראָפּגעלאָפֿן.
די גראָבע ליפּן זענען אויסגעקרומט געווען און אָפֿן,
און פֿון די גראָע אויגן האָבן פֿונקען זיך געשאָטן.

האָבן אַלע אים אַרומגערינגלט נייגעריק מיט שטוינען
און פריער געבנדיק פאַר זיי זיין בְּרָכָה
האָט ער דערציילט:
„איך האָב פאַרגעסן, אַך, פאַרגעסן:
די נאַכט די היינטיקע, די נאַכט די היינטיקע,
געהערט צום טאָג פון פופצנטן אין נִיסָן...

. . . . . . . . . . . . .

ביים לאַנגן שוואַרצן טיש איז אויבנאָן געזעסן
דָן־פערדינאַנד, ביז אין דער נאַכט אַריין די טיפע
געפירט מיט אַלע ברידער
פון דער הייליקער מִשְׁפָּחָה אַן אַסִיפָה:
— ווער ווייסט דען ווו זיי וווינען?
— די בלאָנדזשנדיקע זין פון שָׂטָן...
— די זינדיקע אָפּשפּעטער פון דער קירכע...
— „אָ, ברידערלעך! זאָל זיין מיט פליים אייער טִרְחָה,
צושפרייט זיך איבער אַלע גאַסן פון סעווילאַ
און שטרענגט אָן אייער שטאַרקן ווילן
און פרווט מיט אייערע בליקן שאַרף צו צילן
די יידישע געהיימע ערטער צו געפינען".

— „מיר שווערן, פֿאָטער הייליקער, מיר שווערן,
זיך נישט צו זעצן צו דער מאָרגן־תּפֿלה
אין גאָלדענעם באַגינען,
אויב מיר אָ, פֿאָטער, וועלן נישט דערווייסן
פֿון איין פֿאַרשאָלטענער משפּחה".
— „גאָטס רצון אין די רייד... גייטס ברידערלעך,
זאָל אייער וועג זיין מיט הצלחה
די נאַכט געהערט צום פּופּצנטן אין ניסן..."

— — — — — — — — — — — — — —

III

עס ציטערן די פֿלעמלעך, אינם קעלער
פֿאַר די הייליקע געשטאַלטן
און ס'ברענען מאַט די געלע וואַקסן־ליכטער —
באַגיסן מיט אַ רויטלעך שיין אַ געלער

דרײַ פֿינסטערע געזיכטער
פֿון דָן־פֿערדינאַנד און צװײ גַלָחים — זײַנע היטער.
און אײנער פֿרעגט:
— „אָ, הײליקער גרױס־אינקװיזיטאָר,
צי װעסטו נאָכדעם קאָנען אַלע שפּורן אױסבאַהאַלטן?...
באַרעכן פֿריער גוט,
אײדער דו הײסט דאָס קינד דערמאָרדן...“

— „איך שװער בײַם הײליקן דע־סאַנטאַ־מאַריע־אָרדן,
מיט זיבן שלײערן איז דער גרױסער סוד פֿאַרהױלן׃
איך װײס אַ דין... אַז הײנט אַקײגן נאַכט באַדאַרפֿן
די יידן פֿאַר אַ קָרְבָּן־פֶּסַח קױלען
אַ קריסטלעך קינד... אױף בלוט...
איך שװער בײַ טאָרקװעמאַדאָס הײליקע נְשָׁמָה,
קײנער װעט נישט װיסן!
און זאָלן זײ געװאָר נאָר װערן ס׳אָרט, װוּ אונטערװאַרפֿן.
די נאַכט די הײנטיקע, די נאַכט די הײנטיקע
געהערט צום טאָג צום פּופּצנטן אין נִיסָן...“

## IV

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

## V

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ כוואַליע מענטשן וויגט זיך ברויזנדיק, אַ ים,
דער קיילעכדיקער לאַ־טאַ־באַלאַדאַ־פּלאַץ
איז פול מיט פרויען און מיט מענער,
עס שטייען אויסגעשטעלט מיט צלמים און די הענט
די הייליקע נזירים
קירכן־דינער, טראָגנדיק לאַמטערן טונקעלע צוברענט
און שוואַרצע פענער
עלטסטע גייסטלעכע און קאַרדינאַלן,
גלחים—יונגע נאָך — און קעניגלעכע שׂרים,

עס הערן זיך אַראָפּ פון טורעם שאַלן.
אַרום ווערט שטיל, די שופטים רופן אויס די נעמען
פון יעדערן באַזונדער:
אָ, ווערען, גאָט, אָ, ווערען! ?
די שענסטע שפּאַניענס קינדער...
זיצט פערדינאַנד — די אויגן גרויס און אָפן
עס שאָטנט אַ פּאַרוואָלקנט שמייכעלע אים אומצופרידן —
די פייל האָט גוט אין ציל געטראָפן,
ס'מעסער, אָבער, האָט צוויי שאַרפן:
צו דעם אויטאָ־דאַ־פע זיין געשטעלט, און מיך דערהויבן,
איך וואָלט זיי חוזר זיין צו תשובה, נור ווער וועט גלויבן ?
זיי וועלן קושנדיק דעם צלם — בלייבן יידן...

* *
*

אַן אימה'דיקע שטילקייט איז אַרום,
עס קנאַקן נור די שייטער־הויפן
און ביים לאַ־טאַ־באַלאַדע־טויער זיצט אַ גראָער זקן;
דער אַלטער נביא אליהו, נישט געזען פון קיינעם,
צופלאָסן אָבל'דיק די ווייסע זילבער־לאָקן
דאָס פּנים טיף געריינצלט און די אויגן אויסגעלאָשן:

—„אָ, גאָט, וואָס האָסטו מיך געלאָזט נור לעבן איינעם?
און מיך אַזוי באַשטראָפט מיט לאַנגע טרויעריקע יאָרן?
עס קומען צייטן און פאַרגייען, אייביקייטן לויפן
און איך, אָ, לעב און לעב...
דעם צער פון אַלע דורות וויים איך —
דאָ ברענט דער ברודער מיינער, ס'ברענט אַ קָרְבָּן־פֶּסַח...
עס קריצן אויס זיך די סִמָּנִים אין מיין אייביקן זִכָּרוֹן
דָם וָאֵשׁ וְתִמְרוֹת עָשָׁן — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

## I

פרעכטיק דעקאָרירט מיט פענער,
מיט גירליאַנדן און מיט קראַנצן —
איז די אַלטע שטאָט טאָלעדאָ
אויסגעצירט געווען אינגאַנצן.
און אויף פיל באַלקאָנען זענען
שיינע טעפּיכער געהאַנגען,
מענטשן יום־טוב׳דיק געקליידעט
זענען מחנות׳ווייז געגאַנגען.
און די גאַסן פון טאָלעדאָ
זענען וואָס אַמאָל געדיכטער,

ליכטיק שיינט די זון פון אויבן,
מונטער שמייכלען די געזיכטער.

*

פון דעם העכסטן קירכן-טורם,
האָט דער גרעסטער גלאָק געשלאָגן,
אַ געזאַנג פון זיג און יובל
האָט זיך אין דער לופט געטראָגן.
אויסגעמישט אינײנעם האָבן,
פון די קלויסטערס זיך דאָס קלינגען
מיט די תּפילות, וואָס גלחים
האָבן, הייליקע געזונגען,

שאַ! אָט הערט מוזיק זיך שפּילן.
שפּאַניענס חיל איז געקומען
זיגעריש פון דער מלחמה.
פון די פענסטער וואַרפט מען בלומען;
דאַמען, טויזנטער באַגריסן,
פאָכען מיט די טיכלעך ווייסע.
מענער הייבן הויך די היטן,
אַלטע שיקן ברכות הייסע.

אין דערזעלבער צייט, געשטאַנען
אויף אַ הויכן דאַך אַקייגן
איז דְבוֹרָה בַּת־הַרְגָלְיָא
עפּעס ווי פֿאַרשעמט, פֿאַרלעגן.
אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן
שיינע צוויי ווייס־ראָזע בלומען —
און די גאַנצע צייט די אויגן
האָט זי נישט אַראָפּגענומען
פֿון דער מַחֲנֶה, פֿון דעם חַיִל,
וואָס געדיכטע שוּרוֹת זענען
זינגענדיק פֿאַרבײַגעגאַנגען —
אֶפְשַׁר וועט זי אים דערקענען?...

„נאָר בְּחִנָם זאָל, חָלִילָה,
האָבן ער אין שלאַכט געפֿאַלן!...
טראַכט זי טרויעריק. — פּלוצלונג הייבן
אירע אויגן אָן צו שטראַלן.
און עס האָבן זיך די פֿאַרבן
אויף די באַקן איר געביטן:
נאָך! דערזען האָט זי איר ליבן

אויף אַ פֿערד איז ער געריטן.
הויך דער קאָפּ און שטאָלץ די בליקן,
אויף זיין ברוסט אַ העלדן־צייכן:
„וויפֿל כּבֿוד האָט דן־קאַרלאָ
אין דעם קריג געמוזט דערגרייכן" —
טראַכט דבֿורה — און אַ שמייכל
איז אויף איר געזיכט צוגאַסן.
דאָך, געוואָרן איז זי טרויעריק,
עפּעס האָט זי ווי פֿאַרדראָסן:
„מיין אַבֿיגדור, מיין דן־קאַרלאָ —
טראַכט זי טיף אין האַרץ מיט מורא —
צי געדענקט ער כאָטש אַצינד נאָך
אין זיין אָרימער דבֿורה?"
פּלוצלונג, איבעראַשט פֿאַר שׂמחה
און פֿאַר פֿרייד, אַזש רויט געבליבן
איז דבֿורה, דען דן־קאַרלאָ
שיקט אַ בליק אַרויף אַ ליבן.
צווישן טויזנטער געשטאַלטן
זעט ער אויך דבֿורה'ן אויבן,
וואַרפֿט צו איס אַראָפּ די בלומען —

און ער האָט זיי אויפגעהויבן.

* *
*

שטייט דער גַלָח בענעדיקטוס
אויף אַ גאַניק איינגעבויגן.
ווי ער זעט דאָס, ווערט זיין פּנים
ווי מיט וואָלקענעס פאַרצויגן.

## II

בלאָ און לויטער איז דער הימל,
און מיליאָנען שטערן גלאַנצן
און די זילבערנע לְבָנָה
בלייך באַשטראַלט די שטאָט אינגאַנצן.
פריילעך וועט אויס אין טאָלעדאָ:
אילומינירט די גאַסן ווענען,
רויטע פייערס אין די פענסטער,
פאַקעלן אויף די מויערס ברענען,
אָפענע טריבונעס, סצענעס,
שטייען אויסגעשטעלט אינדרויסן,

לידער קלינגען, קולות שאַלן —
אַלץ צוליב דעם זיג דעם גרויסן.

נאָר פון שטאָט פאַרוואָרפן ערגעץ,
עפּעס אין אַ זייט באַזונדער,
אויף אַ שמאָלן וועג, געגאַנגען
איז דער יונגער העלד אַצינדער.
נישט די לוסטיקע געשרייען,
נישט די פריילעכע געזאַנגען
פון דער שטאָט צו זיינע אויערן
זענען דאָ אַהער דערגאַנגען.
נאָר וואָס נענטער וויל ער קומען
צו דעם הייזל צו דעם קליינעם,
וווּ דְבוֹרָה־בַּת־הַרְגָלְיָא
וויינט און וואַרט אויף אים איינעם
אָט, ער שטייט שוין בײַ איר שוועל,
וווּ מען ריכט אויף אים זיך זיכער,
דען ער זעט נאָך פונדערווייטנס
ס'לויפט אים וועראַקיינגן גיכער
— מיין דְבוֹרָה!
— מיין אֲבִיגְדוֹר! —

האָבן זיי ווי אויסגעזונגען,
און עס האָבן הויכע קושן
אין דער שטילער נאַכט געקלונגען

- - - - - - - - - -

און דן־כאַרלאָ האָט דבֿורה'ן
האַרציק־ליב אַרומגענומען,
און מיט פֿרייד־געלעכטער וענען
זיי אין שטוב אַרײַנגעקומען,
ווו דער טיש איז גרייט געשטאַנען,
מ'זאָל אים אָוונט־שפּייז דערלאַנגען,
און דערציילט האָט אים דבֿורה
אַלץ, וואָס ס'איז איר דאָ דערגאַנגען:
פֿון דעם גלח בענעדיקטוס,
וועלכער איז נישט אָפּגעטרעטן
און געוואָרנט איר מיט בייזן
און מיט גוטן זי געבעטן:
„יאָ, מיט גוטן מיך געבעטן,
כ'זאָל מתּנות פֿון אים נעמען
און איך זאָל...״—זי קאָן נישט זאָגן,
לאָזט פֿאַרשעמט אַראָפּ די ברעמען.

אויך דָן־קאַרלאָ האָט דערציילט איר:
„אַז אין פעלד און אין די שלאַכטן
אין די גרעסטע סַכָּנות פלעג איך
נאָר פון דיר מיין ליבע טראַכטן.
און די צַוָואה, וואָס מיין טאַטע
האָט מיר פאַר זיין טויט געשריבן:
כ'זאָל מיין גלויבן נישט פאַרבייטן
און דאָס פאָטערלאַנד אויך ליבן.

האָב איך היים מיין פאָטערס ווערטער
הייליק אין מיין האַרץ געטראָגן,
כ'בין אַ טרייער ייד געבליבן
און פאַר שפּאַניען זיך געשלאָגן.
הייליק, טייערער פאַר אַלעם
זענט איר מיר נור דריי געבליבן:
גאָט, דאָס לאַנד און דיך דְבוֹרָה.
כ'וועל איך תָּמיד, תָּמיד ליבן.
און בײַ גאָט האָט ער געשווירן
בײַ זיין נאָמען, בײַ זיין גרויסן.

— — — — — — — — — — —

נישט געוווסט, דאַן האָבן ביידע

אַז געשטאַנען שטיל אינדרויסן
איז דער גלח בענעדיקטוס
שטום, געהיים, פֿאַרהילט אין שוואַרצן
און ער הערט אַלץ אויס מיט צאָרן
און עס פֿלאַקערט אין זיין האַרצן.
פּלוצלונג בײַ די לעצטע ווערטער
און די אויגן אָנגעצונדן
האָט אַ פּערל בײַ אים זיך
און איז אין דער נאַכט פֿאַרשוווּנדן.

## III

ווייסע ליכט און שוואַרצע שאָטנס
און עס טראָגן זיך מיט אֵימָה,
שטילע זיפצן, שטילע קרעכצן,
אין די קעלערס, די געהיימע
בײַ די קלאָר־געדעקטע טישן
זיצן די מאַראַנען־יידן
מענער, פרויען, רייך און אָרים
און געקליידעט אויך פאַרשידן:
טייל אין מאַנטלען פון גַלָחִים
טייל — אין אָפיצירן־קליידער

אויך דְבוֹרָה און דָן־קאַרלאָ
זיצן ביים געהיימען סֵדֶר.
ווייַנען פינקלען פון די כּוסות
מַצוֹת אויף די טישן ליגן
און עס גיסט זיך זיס און האַרציק
טרויריק דער הַגָדָה־ניגון:
— שְׁפוֹך חֲמָתְךָ עַל הַגוֹיִם! —
הייבט אַ זָקֵן אָן צו זאָגן
פּלוצלונג האָבן בייזע קוֹלוֹת
ראַשיק זיך אַהערגעטראָגן!
און געבליבן אין דער רֶגַע
זענען אַלע ווי אָן לָשוֹן,
דאָן איז איינער אויפגעשפרונגען
קוֹדֶם כָּל די ליכט פאַרלאָשן:
גאָט! אָ גאָט! די יעזואיטן,
האָבן דאָ אַהער געטראָפן!
האָט אַ שטים געהערט זיך רופן
און אָט איז די טיר שוין אָפן,
בייזע פינסטערע געשטאַלטן
מיט אַ ווילד מְשׁוּנֶה ברומען

פאַקעלן טראָגנדיק און שפּיזן
זענען דאַן אַראָפּגעקומען
און עס האָבן אינ'ם קעלער
קייטן אייזערנע און רינגען
מיט די קרעכצן און געוויינען
אַלץ איינעם אָפּגעקלינגען.

*

בלויז געשטאַנען איז דער גלח
בענעדיקטוס האַרט אַקעגן
און אַ שמייכל פון נצחון
איז אים אויף דער ליפּ געלעגן.

– – – – – – – – – – –

## IV

קווייק זיך שפּאַניען מיטן פּרילינג
מיט די דופּטן ווײַנע זיסע
כאָטש די צאַרטע יונגע רֵיחות
קלינגען נישט אַריין אין תּפֿיסה,
גלעטן נישט דָן־קאַרלאָס פּנים
מיט די ווינטעלעך מיט די מילדע
איז דער פּרילינג דען אין שפּאַניען
ווי די גייסטליכע די ווילדע?

---

אײַנגעפּרעסט אין שטילן עלנד
איז דָן־קאַרלאָ אַלץ געזעסן

אויף אַ שטיין־באַנק אין דער תּפֿיסה
ווי פֿאַרלאָזן, ווי פֿאַרגעסן
אויסגעבּרענט דער גוף מיט ווּנדן
און די פֿינגער אויסגעבּראָכן,
אויף זיין האַרץ אַ רויטער צלם
איז מיט נאָדלען אויסגעשטאָכן.
יעדן טאָג אַ שווערער פֿאַרהאַנג
ווערט פֿאַר אים אַרויפֿגעצויגן
און אַן ערדישער גיהנום
ווערט אַנטפּלעקט פֿאַר זיינע אויגן
אויסגעגליטע אייזן־צוואַנגען
קעם פֿון שטאָל און שאַרפֿע שפּיזן
טייוולס־שטולן, פֿעך געקאָכטער
ווערט אים יעדן טאָג געוויזן
נאָר נישט זיינע שווערע ליידן,
נישט די הייליקע מאַשינען
פֿון דער אינקוויזיציע תּפֿיסה
נישט זיי ליגן אים אין זינען.
נישט דער אויטאָ־דאַ־פֿע, וועלכער
איז שוין צוגעגרייט אויף מאָרגן.

גישט וואָס אים וועט מען פאַרברענען
זענען זיינע גרויסע זאָרגן,
נאָר צי וועט זי, זיין דבֿורה
דעם נסיון בײַשטיין קאָנען,
וועט זי לאָזן זיך פאַרברענען
און פון פײַער גאָט דערמאָנען?

און די שרעק האָט ווי אַ וואָרעם
אין זיין האַרץ אַרײַנגעדרונגען
און געגאָגט, געגאָגט ביז פּלוצלונג
ער דערהערט האָט שליסן קלינגען
אַט די טיר ווערט אויפגעשלאָסן
און עס קומט אַרײַן אַ זקן
אין אַ מאַנטל פון אַ גלח
און דן־קאַרלאָ ווערט דערשראָקן.
שטיל הייבט־אָן דער זקן רעדן:
„האָב רחמנות אויף דיין לעבן
האָב חרטה, אפֿשר וועט מען
די עבֿרות דיר פאַרגעבן".
נאָר געענטפערט האָט דן־קאַרלאָ:

„כ'וועל שוין מער נישט זיין פאַרבאָרגן —
שמע־ישׂראל! וועל איך שרייען
אויף דעם אויטאָ־דאַ־פע מאָרגן".
פלוצלונג פילט ער, ווי דער אַלטער
איז אויף אים אַרויפגעפאַלן
און באַנעצט מיט הייסע טרערן
שטראָמענדיקע, ווי פון קוואַלן:
„כ'בין אַ ייד ווי דו, דן־קאַרלאָ" —
האָט דער גלח אויסגערופן,
כ'בין געטויפט, נור מיין אמונה
טראָג איך נאָך אין האַרץ אין טיפן;
צו דעם גאָט פון מיינע אבות
טו איך אויך אַצינד נאָך בעטן.
...שאַ, דן־קאַרלאָ, כ'בין געקומען
מיט אַ מיטל דיך צו רעטן.
ער האָט סודות'דיק זיין מאַנטל
אויפגעמאַכט:
...דו זעסט אַ האַמער?
דאָ אַ פייל... שאַ... און די קראַטן
ברעכן זאָלסטו אויס פון קאַמער.

ווען די נאַכט וועט רויק דרימלען,
דו פאַרשטייסט?... און דאַן אַנטלויפן
זאָלסטו ווייט, צוריק אומקערן
זאָלסטו נישט בשום אופן...

---

אויסגעהערט האָט דאָס דן-קאַרלאָ.
מיט אַ שטילער מרה-שחורה
האָט ער זיך געפרעגט ביים אַלטן:
—„וואָס וועט זיין מיט מיין דבורה?"
נאָר אַ זיפץ געטון אַ שטילן
האָט דער זקן פול מיט ליידן:
—„דיין דבורה? מן-הסתם איז
איר נשמה אין גן-עדן".
—„וואָס?"
—„פאַרברענט איז זי געוואָרן.
מיט אַ שמייכל האָט דער קרבן
אויסגעשריען שמע-ישראל,
און אַ יידיש קינד געשטאָרבן..." — — — —

— — — — — — — — — — — —

## V

פינסטער איז די נאַכט, אַ שוואַרצע,
טיף פאַרוואָלקנט איז דער הימל
און די הייזער פון טאָלעדאָ
שטייען, ווי אין שטילן דרימל.
איינער, אין דער נאַכט דער שטילער,
איז דָן־קאַרלאָ נור געלאָפן.
אָט דערגרייכט ער שוין דאָס הויז, וווּ
בענעדיקטוס איז געשלאָפן.
פלוצלונג ווערט די נאַכט צושניטן —
ליכטיק, רויט און שוואַרץ צוזאַמען
ווערט דער חושך׳דיקער הימל.
ס׳שטייט דעם גלח׳ס הויז אין פלאַמען

— — — — — — — — — — — — .

אויפגעוועקט די שטאָט טאָלעדאָ
האָט דאָס קלינגעריי פון גלאָקן.
מענטשן לויפן אין די גאַסן
ווי צומישט אַרום, דערשראָקן!
גרעסער, גרעסער ווערט דער ליאַרם,
העכער, העכער ווערט דער טומל
און מיט פייערדיקע וואָלקנס
איז פאַרדעקט געווען דער הימל.

## VI

און אויף שפּאַניעס ברייטע פעלדער,
צו טאָלעדאָ גראָד אַקעגן,
איז דָן-קאַרלאָ שווער פאַרוואונדעט
איינזאַם בײַ אַ בוים געלעגן.
פון דערווייטנס זעט ער טורעמס
ברענען זיך טאָלעדאָס גאַסן.
—„שפּאַניען, אַך ווער איז דיר שולדיק!
כ'ליב דיך, כאָטש איך וויל דיך האַסן...“
און געצויגן האָט דָן-קאַרלאָ
צוריק ווי מיט געהיימע צוואַנגען,
נאָר צו שפּעט איז, זיין נְשָׁמָה
איז פון אים אַרויסגעגאַנגען.

* *

*

איינגעעפנט האָט דער הימל
פאַר דָן-קאַרלאָן ברייט די טויערן
און אַ ווייסער מַלְאָך פירט אים
הויך אַרויף צו זיין דְבוֹרָה'ן...

# דער נִגון פון כָּל־נִדְרֵי

—וואָס האָט דיך, חֲבֵר, איינגעהילט אין טרויער
און וואָס האָט צו דער ערד דיין קאָפּ געזונקען?
דערגרייכט נישט צו דיין אויער
דאָס הילכיקע געלעכטער,
וואָס מישט זיך מיט די שאַלנדיקע טענער?
הייב אויף דיין בליק און זע די שענסטע טעכטער
געאַרעמט מיט די שטאָלצע מענער,
געקומען זענען אויף דיין חֲתוּנָה, געקומען,
און זע דיין כַּלָה,
ווי שיין זי איז היינט, רייצנדער פון אַלע

די שענסטע רויז
צווישן בלומען.—
וואָס? פול איז נאָך מיט ווייַן דיין בעכער?!
און נישט געפּרוּווט פון אים אַפילו טרינקען?
— טרינק־אוים! טרינק־אוים!
... און באַלד זאָל ווערן אָנגעגאָסן
דער בעכער נאָכאַמאָל פון חתן
און שפּילן זאָלן די כּלי־זמרים העכער.
און שפּילן זאָלן די כּלי־זמרים העכער!"

— — — — — — — — — — — — — —

העל איז אין זאַל געווען באַשטראַלט
און הויך האָט די מוזיק געשאַלט,
גיך האָבן זיך די רעדלעך
געדרייט אין טאַנץ
און מיט דער כּלה זיך געפּרייט די מיידלעך,
געפלאָכטן אין די לאָקן איר אַ קראַנץ.

דער חתן, אָבער, זיצט.
די אויגן אויפגעעפנט ברייט,
דער בליק פאַרגליווערט ווייט

פֿאַרטראַכט,

די פֿאָרלעך שוועבן אום און לייגן נישט קיין אַכט
און לאָזן נאָך זיך איבער אַ פֿאַרפֿומען־ריח
פֿון רויזן וואַסער.
עס זענען זיך די אַלטע פּראָפֿעסאָרן משׂמח
און רעדן צווישן זיך אין שטילן
פֿון חתנס גאונות'דיקע שפּילן.
דער חתן, אָבער, זיצט אַליין אַ פֿאַרקלערטער
און ווערט פֿון רגע ביז צו רגע בלאַסער.
און פּלוצלונג הערט ער:
געזאַנגען קומען אָן פֿון דרויסן,
און פֿון דעם זאַל דעם גרויסן
אַ שול אַן אַלטע ווערט;
און פֿון די טעפּיכער—היי אויף דער ערד
און פֿון די זשיראַנדאָלן—וואַקסענע יום־כּפּור־ליכט, —
און ווייסע קיטלען, ווי די מתים
שטייען ייִדן אין טליתים;
עס קריכן עפּעס אום ווי שאָטנס, ווי געהיימע
געשטאַלטן פֿון די לעבער.
ניגונים פּלאַטערן מיט שטילער אימה

און זיפֿצן ווערן העכער...
דאַן שווימט אַרויס פֿון נעפּל אַ באַקאַנט געזיכט—
און ער דערקענט
זײַן אַלטן טאַטנס פּנים.

— „מײַן חתונה איז הײַנט, און זיי, די אַלע מענטשן
מסתמא זענען מחותּנים".

דער טאַטע שטייט מיט אויסגעשטרעקטע הענט
און וויל אים צו דער חופּה בענטשן,
און ער —
אַקעגן גייט, גייט, גייט און גאַרט,
די קניען ווערן שווער
און ברעכן זיך אין וועג אין גלייכן,
דער טאַטע שטייט און וואַרט
און ער קאָן נישט צו אים דערגרייכן.

---

דער נעפּל איז צורינען.
ער האָט דערוואַכט פֿון מרוים,
מיט אַ קאַלטן שווייס איז ער געווען באַגאָסן

און קוים
די אויגן עפֿנענדיק, האָט ער געפּרוווט געפֿינען
פֿון דעם, וואָס ר'האָט נאָר וואָס געזען
אַ זכר.
נאָר אַלץ איז ווי עס איז ביז איצט געווען:
כּלי־זמרים שפּילן ווײַטער,
די טענצער טאַנצן הייטער
און ער זיצט נאָך ווי פֿריער אויף דער שטול — אַ בלייכער.

---

די אויגן צוגעמאַכט ווי האַלב אין דרימל,
דאָס פּנים בלייך,
די פֿינגער דריקן די קלאַווישן, זײַן נשמה שוועבט
אַרום אין שול און הערט
אַ שטילן זיפֿץ, אַ טיפֿן קרעכץ — און פֿון דעם ווערט
אַ מעלאָדיע צונויפֿגעוועבט.
דאָ פֿליסט אַ טאָן תּחנונים'דיק מיט רחמים ווייך,
דאָ קומט אַ קללה'דיקער קלאַנג
און דאָ צוגאָסן ווערט ער העלער, העלער,
דאָ הערט זיך אַ פֿאַרשטיקט געזאַנג
פֿון אַ געהיימען קעלער,

דאָ רייסט זיך עפּעס שווער פון האַרץ אַרויס
דאָ שניידט עס זיך אַריין אין טומל

די פּראָפּעסאָרן הערן מיט התפּעלות אויס
און זעען ווי זיין פּנים שיינט
דאָך ווערט זיין בליק מיט וואָלקענעס פאַרהילט.

— — — — — — — — — — — — — —

צי ווייסט ער, אַז יום־כּפּור־נאַכט איז היינט?
און וואָס ער שפּילט?
צי האָט דערוואַכט אין זיין זכּרון
דער ייד? — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

די ערשטע מעלאָדיע באַשאַפן איז געוואָרן
פון אייביקן כּל־נדרי־ליד.

1918

# רבּי אַמנון.

א.

מיט טויזנטער ליכט איז געווען באַגאָסן
דער זאַל פֿון דעם הייליקן בישאָפֿס פּאַלאַצן.
עס זענען אַרום בײַ די טישן געזעסן
די שׂרים און האָבן געטרונקען, געגעסן
פֿון גאָלדענע כּלים אויף זילבערנע טאַצן.

עס פֿינקלען אַראָפּ פֿון די ווײַבערשע העלדזער
שמאַראַגדן, רובינען, וואָס לײַכטן און גלאַנצן;
מוזיק האָט געשפּילט און עס זענען געפֿלויגן
די פּירשטלעכע פּריצן און יעדן געצויגן,
געלאַכט און געווונקען, גערופֿן צום טאַנצן...

און אַלערלײַ זינגער נאַראָנים און לצים,
וואָס מיינען, אַז נאָר זיי דאָ זענען דער עיקר,

וואָס האָבן דעם ציל נור צו זינגען, צו לאַכן,
וואָס יעדערער זאָל מיט זיי לוסטיק זיך מאַכן
זיי זענען די ערשטע געוואָרן טויט־שיכּור.

אַז מיד זענען אַלע געוואָרן פון טאַנצן,
אָפּרוען זיך האָט מען געזעצט צו די טישן,
דאַן האָט אָנגעהויבן אַ ריטער צו רעדן:
„פאַרוואָס אויפן באַל דאָ האָב איך געזען יעדן,
חוץ אַמנון דיין יועץ? וואָס פעלט ער צווישן?"

—געענטפערט—האָט דער בישאָף פאַרדראָסיק געענטפערט—
„מיין אַמנון, מיין בעסטער בעל־יועץ מיין קלוגער,
פאַרוואָס האָט מען אים אויפן באַל נישט געבעטן?
צי האָט ער אַ פיינט דאָ, וואָס וויל פון אים שפּעטן?
ווער קען אין מיין פּאַלאַץ דאָס זיין דער באַטריגער?"

און שטיל זענען אַלע אין פּאַלאַץ געזעסן,
געקוקט אויף דעם בישאָפס פאַרוואָלקנטן פּנים,
וואָס פינסטערער, פינסטערער איז עס געוואָרן,
און טיף אין די אויגן שוין האָבן פון צאָרן
געזען זיך די ביטערע בייזע סמנים.

—„אַן עצה ווער גיט, ווי אים איבערצובעטן
דערפֿאַר, וואָס עס האָט אים געוואָלט ווער פֿאַרשעמען?‟
געענטפֿערט האָט איינער: —„דו זאָלסט אים באַלוינען
און געבן אַן אָרט אין דיין פּאַלאַץ צו וווינען!‟
—„אָ, ניין‟, —זאָגט דער בישאָף, —וועט ער נישט אָננעמען...‟

און דאַן האָט דער ריטער זיך שטיל אָנגערופֿן:
—„מיין עצה וועט שטעלן דיך, בישאָף, צופֿרידן.
פֿאַרדינסטן האָט אַמנון און גרויס מוז ער ווערן —
דער פֿירער פֿון לאַנד... עס קאָן אָבער איינס שטערן
ער שטאַמט פֿון פֿאַרשאָלטענעם פֿאָלק, פֿון די ייִדן...

און ווילסטו, העכער בישאָף, אויסהערן מיין עצה —
זאָל באַפֿעלט דיין שליח נאָך אַמנון'ען רייטן
און זאָלסט אים פֿאַר אַלעמען תּיכּף דערקלערן,
דו ווילסט אַז דער פֿירער פֿון לאַנד זאָל ער ווערן
נאָר בלויז... זיין אמונה דערפֿאַר זאָל ער בייטן...‟

## ב.

ס'בלאָסט און ס'בלייכט זיך די לְבָנָה...
אין די זילבער פּישוף־שטראַלן
אין רַבִּי אַמְנוֹנס שטילן חֶדֶר
פאַלן נעבלדיק און פאַלן ...

אויף דער שוועל זיצט רַבִּי אַמְנוֹן
און, מיט אַש באַשיט זיין אַלטער
גראָער קאָפּ, אין האַנט אַ סֵפֶר
מיט אַ חֵלֶב־ליכטל האַלט ער.

און עס גיסט זיך זיס און האַרציק
טרויעריק פון חֲצוֹת דער נִיגון,
ער באַוויינט דאָס לאַנד דאָס אַלטע,
וווּ די אָבוֹת זיינע ליגן.

און פלוצלונג :—„ווער רייט עס אינמיטן דער נאַכט ?
וואָס האָט מען דאָס טויער פון הויז אויפגעמאַכט ?
ריעס בישאָפּס שְׁלִיחַ ? וואָס האָט ער געבראַכט ?
—„עס רופט דיך דער בישאָף צו זיך אין דער נאַכט !"

## ג.

עס זיצן אין בלענדיקער ליכטקייט די שׂרים
און נייגעריק ווארטן, אָ, וואָס וועט דאָ זיין?
אַט נייגן זיך שטיל מיט הכנעה די דינער,
עס קומט אַ דערשטוינטער רבי אַמנון אַריין.

עס בליקן אים אויגן אָן הונדערטער מיט קנאה,
עס מורמלען די ליפּן מיט בייזן פֿאַרדראָס,
עס שמייכלט אים פֿריינטלעך דער בישאָף מיט כּבוד
און שטעלט אים אַנידער אַ גאָלדענעם כּוס.

עס הערט זיך אַ שושקען און זאַל ווי די בלעטער,
ווען ס'טראָגט זיך אַ ווינט דורך די ביימער אין וואַלד,
עס קלינגען ווי טראָפּנס אין קופּערנע בעקנס
די ווערטער פֿון בישאָף, אַט ענדיקט ער באַלד:

—„מיין פֿריינט דו, מיין ליבער, מיין בעסטער בעל־יועץ
פֿאַרגעס מיינע רייד און הער אוים:
דו האָסט מיך געראַטעוועט פֿון אַלע געפֿאַרן —
דערפֿאַר וויל איך מאַכן דיך גרויס.

נאָר איינס וויל איך אָבער, זאָלסט טוישן דיין גלויבן!"

— — — — — — — — — — — — — —

ר'בי אמנון—ער הערט דאָס און ווערט ווי צומישט
עס בייגן די קניען, עס ציטערן די ברעמען:
ווי זאָגט מען דען יאָ און ווי זאָגט מען דען נישט?

—„אַך, הייליקער פאָטער, וואָס זאָל איך דיר זאָגן,
ווי ווייט און ווי פרעמד מיר אַזוי איז דער וועג —
דערלויב מיר, אָ הערשער, דאָס איבערצוקלערן
דיר ענטפערן ריכטיק וועל איך אין דריי טעג..."

ד.

ליכטיק איז דער טאָג פאַר יעדן
פאַר רַבִּי אַמְנוֹן אָבער—שוואַרץ,
העל און לויטער איז דער הימל
טרויעריק איז נאָר זיין האַרץ.

גלייך אַ טויזנטסטן חלק ספק
וואָלט זיין מוח דאָן געגנאָגט
און ער שעלט זיין צונג די בייזע,
וואָס האָט באַלד נישט אָפּגעזאָגט.

אַפילו פון אַ טויזנטסטן חלק
רגע קאָן מען צווייפלען דען:
— „ווי פאַרשאָלטן, שלעפּ מיינער,
דאַמאָלסט ווו ביסטו געווען?

און דעם בישאָפס משולחים
זענען צוויי מאָל שוין געווען,
נאָר מיט היילִיקן עקשנות
שפּאַרט ער איין זיך נישט צו גיין.

היינט איז ער צו גאָט מתפּלל,
וואַרט און ווייסט אויך זיין פּסק־דין
און אין קייטן צו דעם בישאָף
ברענגט מען אים געשמידט אַהין.

ח.

עס זענען געזעסן די הייליקע ריכטער
מיט פֿינסטערע אויגן און שוואַרצע געזיכטער
און האָבן פֿון ספֿר פֿון גרויסן געלעזן,
אַז אַמנון האָט מורד במלכות געווען.

און דאַן האָט דער בישאָף צו אים זיך געווענדעט:
אַליין זאָלסטו, אמנון, דיין פּסק־דין אויסקלייבן,
דו קאָנסט מער מיין פֿריינט און מיין יועץ נישט בלייבן
געווען ביסטו פֿאַלש און דו האָסט מיך פֿאַרבלענדעט.

—„ביי גאָט, כ'בין געטריי דיר געווען ווי מיין לעבן,
איך שווער"—האָט רבי אַמנון געזאָגט—„בּאַ מיין גלויבן,
דאָך וועל איך די שטראָף זיך די שווערסטע אויסקלויבן,
דערפֿאַר וואָס איך האָב נישט קיין ענטפֿער געגעבן.

„דערפֿאַר וואָס איך האָב נישט געזאָגט דיר אָן מורא,
איך דין צו דעם גאָט פֿון די עלטערן מיינע,
איך היט אַלע מצוות די הייליקע ריינע
און לערן די אַלטע און טייערע תּורה

„מײַן צונג, װאָס געקאָנט האָט דעם סמך אױסרעדן
די צונג זאָלסטו, בישאָף, פֿון קעל מיר אױסרײַסן".
—„און אױך דײַנע פֿיס און די הענט װעל איך הײסן —
דערפֿאַר, װאָס דו ביסט נישט געקומען—אָפּשנײַדן".

דאַן האָבן מיט פּחד געקלונגען די גלאָקן
און האָבן מיט אימת־המות געשראָקן,
עס האָבן די הענקער גענומען דעם זקן.

ו.

געפּאַקט איז די שול מיט מתפּללים געװען
פֿאַרהילט אין קדושה—די װײַסע טליתים
פֿאַרװאָרפֿן אױף גופֿים אַזױ װי אױף מתים
פֿאַרטיפֿט אין גרױס כּװנה.

עס זענען שױן לײדיק פֿון זיצן די הערצער,
עס זענען די קניען פֿאַר מידקײט געבױגן,

דאָך ברענט נאָך אַ הייליקער פלאַם אין די אויגן
מיט שרעק פאַר ראש־השנה.

און פלוצלונג וואָס הערט מען אין אָרון־קודש,
צי וויינט דאָרט די שכינה, די ספרים צי קלאָגן
אין שול אַריין האָבן פיר מענטשן געטראָגן
רבי אַמנון אויף אַ בעטל.

די גלידער פון לעבעדיק לייב אָבגעשניטן,
דאָך העל איז זיין פנים און ליכטיק ווי תמיד,
ער בעט מיטן בעטל אים שטעלן צום עמוד
בייַם בעל־התפילה'ס טרעפל.

פאַרגליווערט געשטאַנען פאַר שרעק איז די עדה
אָן לעבן, אָן לשון געשמידט צו די ערטער—
און פלוצלונג עס ווערן צונויפגעזאָמלט די ווערטער
פון אַ שוידערליכן צעטל:

. . . . . . . . . . . . . . . .

ונתנה תוקף — קלאָגט רבי אַמנון — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

פון קלאָפּ, וואָס דער שמש געטאָן האָט אין שלחן

האָט יעדער דעם קאָפּ אויפגעהויבן,
געזעען גלייך ווייסע מלאָכים ווי טויבן,
זיי זענען פון הימלישן היכל געפלויגן,
מיט שטראַלנדיקע קרוינען מיט ליכט אָנגעצונדן
מיט געזאַנג אויף די ליפּן געשטעלט זיך אַקעגן,
דעם בעט ווו פאַרגליווערט איז אַמנון געלעגן
מיט אייביק געשלאָסענע אויגן
און זענען נישט בלויז מיט זיין ריינער נְשָמָה,
נאָר אויך מיט זיין גוף און דער מִטָה — פאַרשווונדן...

# II.

# געפּל, גאָלד, גלאַנץ.

# רות.

## I

די זון איז אין פלאַמען פון מַעֲרָב פאַרזונקען.
עס האָט זיך דאָס פעלד ווי מיט בלוט אָנגעטרונקען,
גלייך פון אַ נישט לאַנג פאָרגעקומענער שלאַכט.
און אויפן וועג האָבן דריי פרויען־געשטאַלטן
געשלעפּט זיך צובראָכן, פאַרלאָזן און מידע. —
די יונגע צוויי האָבן די עלטסטע געהאַלטן,
ווי האָבן געאײַלט אין די בערג פון יְהוּדָה
נאָך איידער עס פאַלט צו די נאַכט:

— „איך זע שוין די שפּיצן פון לאַנד אַרויסשטאַרן.
מיר דוכט זיך, די שטאָטלייט ווי גייען אַקעגן
מיט כּבוד און ליבּ מיך באַגעגנען

זיי וועלן זיך וווּנדערן ביטער און פרעגן:
אָ, דאָס איז פון נָעֳמִי'ן?

און איר מיינע שנירן,
געגנוג אייך, געגנוג שוין וועט זיין מיך צו פירן.
דאָ שיידן די וועגן, איך וועל אייך געזעגנען,
איר זעט מיינע ברוסטן? זיי וועלקן און דאַרן.
אין אייערע הערצער נאָך פליסן די שטראָמען
פון הייסע באַגערן און יוגנט־פאַרלאַנגען.

קערט אום זיך אַהיים, ווו מען וועט אייך אַנטפאַנגען,
מיט האַרציקסטע פריידן, מיט טענץ און מיט שאַלן;
עס וועלן די טרערנדע אויגן נאָך שטראַלן
אַזוי ווי דער טוי פאַר דער זון אין באַגינען;
איר וועט נאָך אין מענער־הענט שוין זיך געפינען
און טרייסט אין די רייד פון אַ פאָטער און מוטער.

איך היים מער נישט נָעֳמִי, מיין נאָמען איז מָרָה,
ווייל גאָט האָט מיין לעבן געמאַכט אַזוי ביטער,
אַזוי ווי ס'איז ביטער דער גיפט פון די שלאַנגען.
קערט־אום זיך אַהיים, ווו איר זעט נאָך מיט קלאָרע

און ליכטיקע אויגן און גלאַנצן דאָס לעבן,
עס שטראָמט נאָך אין אייערע הערצער דאָס שטרעבן
פון הייסע באַגערן און יוגנט־פאַרלאַנגען".

האָט ערפּה געפאָלגט, געקושט איר, געוויינט און געגאַנגען
האָט רות זיך באַהאַלטן נאָך מער, ווי מיט צוואַנגען
און האַרציק געבעטן:
—„ניין, שוויגער, איך וועל מער פון דיר נישט אָפּטרעטן:
ווו דו וועסט זיך ווענדן, דאָ וועל איך אויך זיין
און ווו דו וועסט נעכטיקן, דאָרט וועל איך שלאָפן,
דער טרויס פון דיין פאָלק וועט אויך זיין מיין האָפן,
דעם גאָט פון דיין האַרצן, דעם וועל איך אויך האָבן
און ווו דו וועסט שטאַרבן, דאָרט ווער איך באַגראָבן,
עס קאָן נור דער טויט אונז צושיידן אַליין.

— — — — — — — — — — — — — — —

## II

די זון האָט מיט שפּיזן צוגליטע געבראָטן די שניטער,
עס האָבן די סערפּן געגלאַנצט אין די גאָלדענע זאַנגען
און איבער די פעלדער איז רוּת אַ פאַרשעמטע געגאַנגען
און האָט די פאַרגעסענע זאַנגען געקליבן מיט ציטער.

איז בועז פון ווייטן געשטאַנען געקלאַמערט אין שטוינען:
—„ווער איז זי די יונגפרוי, וואָס האַלט צו דער ערד
אירע ברעמען,
אין אָרימע קליידער, דער קאָפּ—כ׳וואָלט געשווירן
צו טראָגן גין־גאָלדענע מַלכות׳דיקע קרוינען —
איז ער ווי געבוירן?
ווער איז זי דאָס מיידל פון וו און פון וועמען
געשיקט אין מיין פעלד אַריין קלויבן די זאַנגען?"

אין בועז׳ם האַרץ ווערט אַ וואַרימער ציטער צוגאַנגען,
און ער האָט די שניטער באַפוילן מיט ווונקען:
אַז זי וועט זיין דורשטיק זאָלט איר זי דערלויבן

פֿון אייערע לאָגלען קוואַל־וואַסער צו טרינקען,
און ווען זי זיין הונגעריק, גיט איר צו עסן,
באַנאַכט זאָלט איר מאַכן זיך זאַנגען פֿאַרגעסן
און זי וועט פֿון פֿעלד די פֿאַרגעסענע קלויבן...

## III

. . . . . . . . . . . . . . . .

און ווייך האָט געשוועבט אין דער נאַכט ווי אַ פֿלאַטער,
די האַלב־אָפּגעשניטענע פֿעלדער, אַ זילבערנער קראַנץ,
און פֿון דער לְבָנָה האָט גלייך זיך געגאָסן אַ מאַטער
באַלויכטענער גלאַנץ.
און צווישן די וויגנדע זאַנגען,
איז רות אַ פֿאַרהילטע אין אייגענעם שאָטן געגאַנגען —
דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט... און מער דופֿטיק ווי ס'פֿעלד
אין בשׂמים געשמירט און געבאָדן אין רויזיקן וואַסער.

אָט שטייט זי בײַ בועז'ס שייער געצעלט:
ער שלאָפֿט דאָ פֿאַרמאַכט פֿון טאָג שווערער מי.
צי זאָל איך אַוועקגיין, נישט שטערן זיין רו —
ער שלאָפֿט דאָ אין שייער, איך פֿיל ווי עס ברענט
זיין אָטעם אויף מיר שוין, צי ווייסט ער דערפֿון?
צי האָב איך דעם ווילן מיין שוויגערס געטון?
צי אפֿשר מיין ברענענדיק מואָב־פֿאַרלאַנג?
און רות האָט מיט ציטער געשטרעקט אירע הענט
און שטיל אויפֿגעהויבן דעם פֿאַרהאַנג.

# קֹהֶלֶת.

## I

יְרוּשָׁלַיִם גלאַנצט. איר פּראַכט האָט נישט קיין גלייכן,
מִצְרַיִם׳ס רייכטימער אַקייגן איר פאַרבלאַסן;
עס וואַלגערט זיך אַרום ס׳עֲשִׁירוּת אין די גאַסן,
אויף אַלעם רוט דעם מֶלֶכ׳ס חָכְמָה, שְׁלֹמֹה׳ס צייכן,

דאָס פאָלק איז זאַט פון גליק, יְהוּדָה איז צופרידן
און לעבט מיט אירע שְׁכֵנִים פון אַרום געחַבֵר׳ט.
דער פיילנבויגן הענגט פאַרוויסט, די שפּיז—פאַרזשאַווערט,
און פון דעם שווערד, אַן אַקעראייזן ווערט געשמידן.

ווייל איז דעם פאָלק, וואָס האָט נישט אויפגעהערט
צו טרוימען
זיין נאָמען צו באַקרוינען שטאָלץ מיט רום און ערע,
ווייל איז דעם לאַנד, וואָס ווערט געפירט פון קעניג שְׁלֹמֹה׳ן!

עס קומען פון דער גאַנצער וועלט חֲכָמִים און מְלָכִים,
ווי דורשטיקע צום קוואַל געניסן פון זיין לערע
און בוקן אונטערטעניק זיך צום גרויסן חָכָם.

## II

ירושלים האָט פֿאַרגעסן זיך אין טאַנצן
און ביז צום האַרף פֿון הימל גייען די געזאַנגען;
די קנויטן ברענען זיך אין בוימל אויף די שטאַנגען,
אַקעגן זיי די רונדיקע קופּאָלן גלאַנצן.

עס שווימט דאָס ליכטיקייט אין נאַכט אום ווי אַ תּבֿה,
דאָס פֿאָלק זינגט התלהבֿות'דיק מיט אין איין אָטעם;
עס האָבן זיך אַהער פֿאַרזאַמלט אַלע שבֿטים —
גרויס איז די פֿרייד, די שׂמחה פֿון בית־השואבֿה.

וויל איז דעם פֿאָלק, וואָס איז אַזוי זיך משׂמח,
נישט טרערן בלויז, נור ברענגט אויך שׂמחה צום מזבח,
וויל איז דעם פֿאָלק, וואָס קאָן אַזוי זיין פֿריילעך.

און דאָך, וואָס זענען די כּהנים פֿול מיט זאָרגן
און האַלטן עפּעס ווי פֿון פֿאָלק אַ סוד פֿאַרבאָרגן
און בליקן שרעקנדיק צום פּאַלאַץ פֿונ'ם מלך?

## III

א ציטערדיקע שטילקייט איז אַרום דעם גרויסן
בית־יער־הלבנון־פּאַלאַץ, אויף דעם באַרג אין דרויסן;
עס וועלן טויזנטער מחשבות אינעווייניק:
ווי פילט ער זיך? וואָס מאַכט דער קראַנקער גרויסער קעניג?

עס שימערן די גאָלד־געזימסן, דימענט־שפּריצן
אין משפּט־זאַל, ווי זיבעציק סנהדרין זיצן,
און הינטער זיי דעם קעניגס שׂרים אויסדערוויילטע —
פאַרזאָרגט און ערנסט. ס'זענען שלמה'ס טעג געציילטע.

פול מורא ציטערן מיט קאַלטן אַנגסט די לייבער.
פאַרבלייכט זיצט אויף זיין וואונדערלעכער שטול דער קעניג,
דער קאָפּ הענגט שווער אַראָפּ, די בליקן שטום און מידע.

און בײַ זיין רעכטער האַנט פאַרטרויערט זיצט דער שרייבער
און שרייבט דעם מלכ'ס רייד אין ספר אונטערטעניק,
און יעדעס וואָרט איז ווי אַ לאַנגער שווערער ודוי...

## IV

— „איך בין געווען מֶלֶך פון יְרוּשָׁלַיִם
און איבער אַלץ, וואָס איז נור תַּחַת הַשָּׁמַיִם;
אין טיפסטער טיפעניש האָב איך אַריינגעדרינגען
און וואָס עס האָט מיין האַרץ געגלוסט האָב איך באַצווינגען.

דער ווײַן איז קיינמאָל פון מיין טיש נישט אויסגעגאַנגען,
עס איז קיין גרענעץ נישט געווען צו מיין פאַרלאַנגען.
און טויזנט יונגע מענצערינס, די שענסטע ווייבער
צו מיין באַגער — געשמירט אין בְּשָׂמִים זיירע לייבער.

איך האָב נישט בלויז געזוכט דעם וועג צו די באַגליקטע·
איך האָב אויך צוגעזען דעם פיין פון די געדריקטע —
און זייערע טרערן — האָבן ס'לעבן מיינם פאַרדאָרבן.

איך בין מְקַנֵא די, וואָס זענען שוין געשטאָרבן
נאָך מערער שאַץ איך די, וואָס זענען נישט געבוירן —
וואָס איז דען אַלץ? ווי קאָן אַ חָלוּם לאַנג געדוירן?...“

V

עס ווערן שנעל צוטראָגן עפּעס סודות שטיל־געהיימע:
פֿון דינסט־מוידס הויז ביז צו דער קעניגין בת־פּרעה,
עס וואָלקנט זיך פֿון מלכ'ס הויז אַ שוואַרצע כמאַרע
און הילט ירושלים איין אין טיפֿער אימה.

עס שטייט דאָס פֿאָלק ווי צוגעשמידט צו זיירע ערטער
און דרינגען מחנות'ווייז און שרעקן זיך צו פֿרעגן!
אַ קרבן דעמפּט זיך פֿאַרן קראַנקן שלמה'ס וועגן
און פֿייגל טראָגן אין דער לופֿט דעם קעניגס ווערטער:

„עס גייט איין דור אַוועק, אַ צווייטער קומט, עס מישן
די מענטשן בלויז זיך, נור די ציטן אייביק רוישן,
עס זעט דער נאַר, נור נישט דעם סוף פֿון אַלע סוף'ן.

„דער חכם שלאָפֿט. די אויגן, אָבער, זענען אָפֿן.
דער סוף איז בעסער פֿאַר דעם אָנהייב, אַלץ אַ חלום:
וואָס איז דען לעבן? וואָס איז גליק? — הבל־הבלים..."

## יִרְמְיָהו׳ס טרערן.

דעם לעצטן פרווו שוין אויך געפרווט בא בָּבֶל׳ס קעניג־
נישט בלויז זיין פאָלק, זיין הארץ געמאַכט אויך
אונטערטעניק;

עס איז אים טייערער איין איינציק יידיש לעבן,
ווי טויזנטער נצחונות, שטאָלצער העלדנמוט.
און אַז דער רָצוֹן איז נישטאָ מִן הַשָּׁמַיִם —
וואָס טויג אַזוי בְּחִנָּם פיל פאַרגאָסן בלוט? —
און יִרְמְיָהוּ איילט זיי נאָכאַמאָל דערקלערן:
גאָטס ווילן איז אַוועקצולייגן די געווערן
און גוטערהייט די לעצטע פעסטונג איבערגעבן.

---

אַ האַלבע נאַכט־גאַנג איז נאָך ביז יְרוּשָׁלַיִם,
און דאָך דערגרייכן צו זיין אויער

פאַרשטיקטע קולות אומגעהייער
און מוֹרא'דיקע קרעכצן, קלאָגנדיקע שטימען.
און שטיל האָט ער אין שטילער נאַכט געבעטן:
—„אָ, גיב מיר כּח, ווי מיט פליגל גיך אַהינצוקומען,
די שטאָט, די הייליקע, אַ גאַנצע נאָך צו טרעפן,
איך זאָל באַווייזן נאָך דעם בית־המקדש אָפּצוטרעטן,
אָ עפן, גאָט, פאַר מיר די שערי רחמים, עפן!"—

---

וואָס העכער אויף די בערג ער איז געגאַנגען,
אַלץ ליכטיקער דער וועג איז פאַר זיין טריט געוואָרן.
אין מערב איז די זון שוין לאַנג פאַרזונקען?
צי איז אַן אַנדערע אין מזרח אויפגעגאַנגען?
וואָס רויטלט זיך דער הימל דאָרטן, ווי מיט בלוט
באַטרונקען?
צי זאָל דאָס זיין דער צייכן פון גאָטס צאָרן?

---

אויף מזרח פון די בערג אַפּער האָט זיך די זון באַוויזן
אַ שיינענדיקע, פרייש מיט גאָלדן ראָזן שמייכל,
האָט ירמיהו אַ דערשלאָגענער געבויגן

און די קליידער אויף זיין לייב צוריסן.
צערומגעבלאָנדזשעט אין די גאַסן, לעבעדיק נור איינער
נאָך יעדן טריט געפֿאַלן און דעם שטויב געקושט
מיט טרערן
געדריקט צום האַרץ דאָס זאַמד, די שטיינער
און דורך די חורבות זיך אַ וועג געזוכט צום היכל.

און דאַן איז ירמיהו אויף די חורבות שטיל געזעסן,
דער קאָפּ מיט טרויער אין זיין לינקער האַנט פֿאַרזונקען
אַרום אים זענען פֿלייצן פֿול מיט טויטע אַלע ווענן,
און די אויף צרות לעבעדיק געבליבענע, זיי האָבן,
אַנשטאָט די גופֿים פֿון די ברידער צו באַגראָבן,
ווי חיות ווייערע פּגרים אויפֿגעפֿרעסן,
דעם שמוץ פֿון רינשטאָקן געטרונקען...
און אָן אַ שיעור געפֿאַנגען
ירושלים'ס יונגעלייט
באַגלייט פֿון שפּאָט און קייטן־קלאַנגען,
פֿאַרבײַ אים האָבן מחנות'ווייז געצויגן.
קיין בבל, קיין בבל.

* *

*

אין דער האַנט — אַ פּעדער, און אין שויס אַ פּאַרמעט
מיט שטומען טרויער האָט דער גרויסער אָבֿל
זײַן לאַנד באַקלאָגט, פֿון אומה׳ס צער צובראָכן,
און פֿון די אויסגעוויינטע אויגן
זײַנען גרויסע טרערן צוויי אַראָפּגעפֿאַלן
ווי זכריה׳ס בלוט, וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט צו קאָכן —
אַזוי אויך הערן זיי נישט אויף צו זידן

— — — — — — — — — — — — — —

פֿון דאַן ביז הײַנט, פֿון הײַנט ביז ווײַטער וועלן
אויף יענעם אָרט צו פֿליסן נישט אויפֿהערן
די הייליקע און קלאָרע קוואַלן
ירמיהו׳ס הייסע טרערן...

## די געפֿאַנגענע.

די זון איז אויף מערבֿ־זייט הימל פֿאַרגאַנגען
און ווייט ערגעץ זעט מען זי קוים,
דער טאָג איז אַלץ טונקעלער, שוואַרצער געוואָרן;
דעם חושך... פֿאַרהילט האָט אין רוים.

עס ציען פֿון צפֿון זיך וואָלקענעס שוואַרצע,
אַ נעפּל געדיכטער פֿאַרשטעלט,
די שטיינערנע מוירן, וואָס שיצן ווי ריזן,
די מעכטיקסטע שטאָט פֿון דער וועלט.

עס שלאָפֿן די רוימער אין זייער געצעלטן
פֿאַרמאַטערט פֿון קאַמף און פֿון קריג,
פֿאַרמאַטערט פֿון שׂמחה, פֿון אַלע תּענוגים,
פֿאַר׳שכּור׳ט פֿון ווײַן און פֿון זיג.

און זאָט איבער זאָט פֿון די גרויסע טריאומפֿן,
וואָס האָבן אַליין זיך געמאַכט
געזעטיקט מיט תּאוות, געפֿינען זיי איצטער
אַן אָפּרו אין שוים פֿון דער נאַכט.

---

און דאַמאָלסט, ווען אַלץ איז פֿאַרהילט אין אַ דרימל,
פֿאַרזונקען איז יעדער אין טרוים,
האָט איינער געוואַכט נור—דער פֿעלדמאַרשאַל איז עס,
דער יונגער פּאַטראָניוס פֿון רוים.

—וואָס איז דאָס? עס נעמט נישט קיין שלאָף זיינע אויגן,—
שוין לאַנג ווי ער האָט זיך געלייגט
און וואַרפֿט זיך מיט כּעס פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן
און ווערט מער אַלץ מער אויפֿגערעגט.

דאָך פּלוצלונג, וואָס זעט ער? בלאַס ווערט ער דערשראָקן
און ציטערט פֿאַר פּחד און קעלט,
ער זעט: מיט הרוגים, מיט יידישע זקנים
געוואָרן איז פֿול דאָס געצעלט.

אָט זעט ער יהודה'ס פֿאַרפּייניקטע פֿרויען
און הערט זייער שטילן געוויין,

אַט זעט ער די קינדער, וואָס ר'האָט פון דער ברוכט זיי
געוואָרפן אין פייער אַריין.

עס שטיקן אים פינגער פון מאַמעס צוריצטע:
אָ, געטער! זיי לאָזן נישט אָפּ —
און פלוצלונג אַ קריץ מיט די ציין טוט דער מאַרשאַל
און לויפט פון געלעגער אַראָפּ

און רופט־אָן מיט צאָרן דעם נאָמען פון טייוול:
—„כאַ־כאַ־כאַ!"—צולאַכט ער זיך ווילד —
„דאָס איז נור געווען אַ חלום אַ בייזער,
אַ נאַריש און שרעקנדיק בילד!"

כאָטש ס'ווערט יעדע מורא אין האַרץ זיינס פאַרשוווּנדן
דאָך ציטערט פאַר שרעק נאָך זיין שטים:
—„הע, דינער!"—אַט הערט זיך אַ רוק פון אַ ריגל
און באַלד שטייט זיין דינער פאַר אים.

—„פאַרשאָלטענע גייסטער פון לאַנד פון פאַרשקלאַפטע
זיי שטערן און רויבן מיין רו.
איין מיטל — די נאַכט צו פאַרטרייבן נור, דינער,
איין מיטל פאַראַן איז דערצו".

און מונטערע פונקען ווי פלאַמען פון תּאווה
פון בליק זיין אַרויס האָט געבליצט.
—„אין תּפיסה, גיי“—זאָגט ער—„ווי דאָרטן געפאַנגען
אַ טאָכטער, אַ יידישע זיצט.

און שיין איז דאָס מיידל, די אויגן צוויי זונען,
די האָר, ווי די נאַכט אַזוי שוואַרץ,
דער האַלדז, ווי געטאָקט פון אַ מאַרמאָר אַ ווייסן
און צאַפּלדיק פריש איז איר האַרץ.

איך האָב זי געפאַנגען אין קאַמף בײַ יהודה,
גיי, זאָג איר מיין האַרץ זי באַגערט“, — —
—„איך טו דיין באַפעל!“—האָט דער דינער געענטפערט
און האָט זיך געניגט ביז דער ערד.

---

און פינסטערער איז אַלץ דער הימל געוואָרן,
אַלץ שוואַרצער און שוואַרצער די נאַכט,
עס שלאָפן די רוימישע וועכטער און האַלטן
אַרום בײַ דער תּפיסה, די וואַכט.

און פּלוצלונג ווערט איבערגעריסן דאָס שטילקייט.
אַ טריט, אַ געשריי:—„ווער איז דאָס?“

עס קלינגט דער „פּאַראָל" פון פּאַטראָניוסעס דינער
און אָפן ווערט פאַר אים ווערט דער שלאָס.

---

און דאַמאָלסט איז שטיל און פאַרלאָזן געווען
א מיידל אין תּפיסה פאַרשפּאַרט,
די האָר אירע איבער די אַקסלען צוואָרפן
און וואַרט אויף איר משפּט און וואַרט.

און פּלוצלונג–עס טראָגט זיך אַ קלאַנג אין דער פינסטער,
מען עפנט די אייזערנע טיר—
אַט ווערט מיט אַ פאַקל באַלויכטן די תּפיסה,
געשטאַנען איז עמעץ פאַר איר.

—„אַ דינער, בין איך, בײַ דעם יונגן פּאַטראָניוס,
דער זיגער און העלד פון דיין לאַנד" —
האָט דולפּיק געזאָגט אַפּגעקלונגען זיין שטימע —
„ער וויל מיט דיר זיין היינט באַנאַנד!" —

שאַ, שטיל... און עס ענטפערט קיין וואָרט נישט דאָס מיידל,
דער דינער מאַכט אירע הענט לויז,

זיי שלייכן אַרויס זיך אין נאַכטיקן נעפּל
און קומען צום מאַרשאַל אין הויז.

---

—„הע, דינער! ברענג ווײַן נאָך, זאָל שוימען דער בעכער
און טרינק, דו, געפאַנגענע, טרינק,
אין טרינקען פאַרגעסטו דײַן שטאָלץ און דײַן צאָרן —
דעם איינעם נאָך גלידיקן פונק,

וואָס טליט אין דײַן האַרץ נאָך, פאַרלעשט אויך
דער ווײַן דאָס.

... וואָס ציטערן אַזוי דײַנע הענט?
האַלט פעסטער דעם בעכער, אַ שאָד יעדער טראָפּן"—
נאָר זי האָט זײַן פּנים דערקענט.

דערקענט זײַנע אויגן, דערזעלבער, דערזעלבער,
וואָס האָט פון אַ טורם אַראָפּ
געוואָרפן איר פאָטער, געשאָכטן איר מוטער,
אַ צירונג געמאַכט פון איר קאָפּ.

דערזעלבער, וואָס האָט אויך איר חתן געפאַנגען
און ווייסט נישט ביז הײַנט ווו ער איז.

דער בליק איר'ער בלאָנדזשעט אַרום אינ'ם חדר,
אין ווינקל דערזעט זי אַ שפּיז.

פּאַטראָניוס, פאַר'שכּור'ט פון וויין און פון תאווה,
געטריבן פון דורשטיקן לוסט,
מיט נאַרישן שמייכל דערנענטערט צו איר זיך,
דערפילט ער ווי עפּעס אין ברוסט.

אַ שטעכנדן וויטאָג, אַ שטאַרק אומגעהייער,
ער פאַלט אָן אַ קרעכץ צו דער ערד.

— — — — — — — — — — — — — — —

—„הע, דינער! ברענג וויין, נאָך זאָל שוימען דער בעכער!—
האָט שאַליק איר קול זיך געהערט...

## גלאַדיאַטאָרן.

געפּאַקט איז דער צירקוס מיט רוימישן חיל,
מיט מענטשן פון יונג און פון אַלט,
זיי קוקן אַראָפּ צו דער גרויסער אַרענע,
ווו ס'דאַרף זיך שוין אָנהייבן באַלד,
דער בלוטיקער קאַמף פון די גלאַדיאַטאָרן
מיט טיגערן בייזע צורייצט,
באָטש ס'וועלן נישט דאָ די געפאַנגענע העלדן
די יידישע שטאַרבן געקרייצט.
דאָך זיצן די רוימישע גבורים און וואַרטן,
די זיגער פון שרעקלעכן קריג,
זיי האָבן נאָך ווינציק אין בלוט זיך געבאָדן,
ס'איז ווייניק דער בלוטיקער זיג.

---

עס זענען געפּאַקט די באַלקאָנען און לאָזשעס,
דער זאַל איז מיט בלומען באַפּוצט,
עס הערט זיך אַ מורמלען פון צווישן די מענער,
מען ווייזט מיט די פינגער ווו ס׳זיצט
אַ מיידל באַנאַנד מיט אַ רוימער אַ יונגן,
איר פּנים אומעטיק און שטום,
די אויגן נאָר ברענען און שיטן מיט פונקען
און אויפגערעגט בלאָנדזשען אַרום.

מען פרעגט אין דער שטיל זיך: ווער איז זי, דאָס מיידל?
און גלייבן דאָס וויל מען זיך קוים,
עס זאָל זיך געפינען, דאָ צווישן די פרויען,
אַ שיינהייט אַזעלכע אין רוים.
דערוויסט מען זיך אָבער, אַז דאָס איז אַ טָעות,
זי איז נישט קיין רוימערין, נאָר
געפאַנגען געוואָרן איז זי אין יְהוּדָה,
אַ שקלאַפן איז זי זינע גאָר.

---

עס קלאַפּן די פויקן, עס שאַלן די שופרות,
עס הייבט זיך, עס הייבט זיך באַלד אָן,

עס קומען אַריין שוין די גלאַדיאַטאָרן
אינגאַנצן אין רויט אָנגעטאָן.
דאָס זענען געפאַנגענע קינדער פון ציון
די העלדישע זין פון ישׂראל,
דער שׂונא, ער האָט עס געבּרענגט זיי אַהער דאָ,
צו שטאַרבּן אין קאַמף נאָך אַמאָל!
נאָר נישט אינ׳ם קאַמף פאַר די פרייהייט יהודה׳ס
און נישט פאַר דעם הייליקן לאַנד,
נור קעמפן מיט חיות פאַר לוסטיקע רוימער,
צו שטאַרבּן אין שפּאָט און אין שאַנד.

זיי שטייען שוין גרייט אָנצוהייבּן, נור פּלוצלונג —
דערזעט פון זיי איינער ווי ס׳זיצט
זיין שוועסטער צוזאַמען דאָרט אויבּן בּיים שׂונא,
ער האָט מיט די ציינער פאַרקריצט:
—„צי האָט זי פאַראַטן איר פאָלק און איר גלויבּן,
פאַרגעסן דאָס לאַנד אַזוי גיך?...״
ער פילט, אַז אין קאַמף וועט ער פאַלן דער ערשטער,
ער האָט מער קיין כּוחות אין זיך.

און פּלוצלונג, אַ מְהוּמָה! עס האָט זיך דאָס מיידל
געוואָרפן אַראָפּ מיט געשריי:
—„אָ, ברודער, אָ, ברודער! מיט דיר וויל איך שטאַרבן,
ווי לעבן צוזאַמען מיט זיי!"

עס האָט ווי אַ דונער אין זאַל זיך געטראָגן —
פאַרציטערט האָט יעדן איר קול,
און שטאַרבנדיק איז איר געלעגן אַ קְלָלָה,
אַ פלוך פאַר די רוימער — אין מויל.

## דעם גבור'ס טאָכטער.

עס האָט זיך אַ וואָלקן אַ שוואַרצער פאַרצויגן,
עס בלאָזט פון פאַרניכטונג אַ ווינט,
די שונאים די פרעמדע און אייגענע האָבן
געשלאָגן יד־אחת אצינד.

זיי האָבן מטמא געמאַכט די מזבחות,
יהוה דעם גאָט אויסגעלאַכט.
און אומעטום האָבן געשטעלט די יונים
אָפּגעטער, פון שטיינער געמאַכט.

מען זעט ווי דער שונא איז מקריב קרבנות,
די זיילן פון פלאַמען און רויך,
עס ציט זיך אַן אָפּגלאַנץ אַ רויטער פון פייער
צום הימל אַרויף אין דער הויך.

ניׅשט וויַיט פוּנ׳ם דערפֿל מודיִען — איז ערגעץ
געשטאַנען אַן איינזאַם געצעלט,
און דאָרטן געוווינט האָט אַן אײַזערנער גִבּוֹר,
חֲנַנְיָה, דער יידישער העלד.

ניׅשט לאַנג, ווי ער האָט זיך נאָך העלדיש געשלאָגן
און מוטיק פֿאַרטיידיקט דאָס לאַנד,
נור ס׳האָט אים אַ פֿייל פֿונם שׂוֹנֵא געטראָפֿן,
געטראָפֿן, פֿאַרוווּנדעט אַ האַנט.

ער בייסט מיט די ציין און די ליפּ פֿאַר יִסוּרִים,
דאָך פֿילט ער, אַז ר׳איז נאָך געזונט:
—„צי וועל איך שוין רוען דאָ?״—פֿרעגט ער זיין טאָכטער
וואָס שטייט און פֿאַרבינדט אים די וווּנד.

—„וואָס טוט מען?״—האָט שטיל אים די טאָכטער געענטפֿערט
„יְהוּדָה איז שוין ווי פֿאַרבײַ!״
—„אָ, טאָכטער, וואָס הער איך, די פֿרייד פֿון די זיגער
צי פֿון די באַזיגטע, ס׳געשריי?

צי פֿאַלן די מוירן פֿון צִיוֹן? וואָס טרייסלט
די ערד זיך, וואָס ציטערט די לופֿט?

און טאָכטער! וואָס הער איך צום גאָט אֵל־צְבָאוֹת —
אַ קול אַ באַגייסטערטער רופט!"

נאָר איידער נאָך ביידע פאַרשטייען וואָס טוט זיך,
נישט ווייסן אינדרויסן וואָס ס'איז,
און ס'שטייט אין דער טיר פון געצעלט שוין אַ גִבּוֹר,
באַוואָפנט מיט בויגן און שפּיז.

און זאָגט: — „כ'בין געקומען דיך רופן, חֲנַנְיָה,
צום קאַמף פאַר דעם הייליקן לאַנד,
דאָס פאָלק האָט זיך ווידער צוזאַמענגענומען,
עס גייען איצט אַלע באַנאַנד.

פאָרויס מיט דער פאָן, ציִען די חַשְׁמוֹנָאִים,
באַגייסטערט מיט העלדישן מוט,
זיי האָבן געשוווירן צו קעמפן פאַר פרייהייט
אַפילו ביז איין טראָפּן בלוט!..."

עס האָט דאָס חֲנַנְיָה דערהערט, און צופלאַקערט
אַ פלאַם האָט אין האַרץ זיך בּאַ אים:
— „אַהער גיב מיין פּאַנצער, מיין שפּיז און מיין בויגן!" —
האָט מעכטיק געדונערט זיין שטים.

די זון איז אין פורפורנער רויטקייט פאַרגאַנגען,
און פלאַמיק באַגאָסן דאָס פעלד,
עס האָט פון דער ווייט זיך דאָס קלאַנג פון כּלי־זין
געהערט אין חנה'ס געצעלט.

דאָס מיידל ויצט איינזאַם און טראַכט פון איר פאָטער,
וואָס קעמפט קעגן פיינט, כאָטש ר'איז קראַנק.
—„איך מוז לעבן אים זיין, אים היטן און היילן"—
איז פלוצלונג איר דורך אַ געדאַנק.

פלינק נעמט זי אַ מאַנטל, שנעל נעמט זי אַ שלייער,
פאַרהילט זיך דאָס פּנים, פאַרשטעלט
און לויפט אינ'ם לאַגער אַריין צו איר פאָטער
און זאָגט אים: — „כ'וויל דינען דיך, העלד"!

---

עס זענען דריי טעג אין מלחמה פאַרגאַנגען,
די זון האָט דאַן בלוטיק געשיינט
און גובר געווען אַמאָל האָט יהודה,
אַמאָל האָט געשטאַרקט זיך דער פיינט.

און איינמאָל, אַ פינסטערע נאַכט איז געווען דאָס —
דעם הימל אַ וואָלקן פאַרציט.

די מַחֲנֶה חֲנַנְיָה׳ס איז דאַמאָלט געשטאַנען
אין לאַגער און האָבן גערוט.

קומט פּלוצלונג חֲנַנְיָה צו לויפן דערשראָקן
און ווייזט מיט אַ פינגער אין זייט,
און זאָגט:—„אַ געפאַר דאָ צו נעבעכן, ברידער
דער שוֹנֵא מוז זיין דאָ נישט ווייט.

עס האָט אין דער פינסטערניש ווו זיך באַוויזן
דאָרט ערגעץ פון פייער אַ שיין,
גִבּוֹרִים! ווער גייט זיך דעם אֶמֶת דערוויסן,
ווער שטעלט זיך דאָס לעבן זיינס איין?"

און איידער עס האָט נאָך באַוויזן דער גִבּוֹר
די ווערטער צו זאָגן אַרויס,
געזען האָט מען, ווי עס איז ווער פון דער מַחֲנֶה
געלאָפן, געלאָפן פאַרויס.

מיט ציטער דערשטוינט פרעגט חֲנַנְיָה:—„ווער איז דאָס?"—
און עמעץ געענטפערט אים האָט:
—„דיין דינער! דיין דינער, וואָס שטעלט איין דאָס לעבן,
צום לויב פאַר דעם נאָמען פון גאָט.

און ווי נאָר דער דינער פֿאַרשוווּנדן איז, האָט מען
געהערט פֿון דער נאַכט אַ געשריי
און ס'האָט אין דער פֿינסטערער נאַכט אָפּגעקלונגען
אַ קרעכץ פֿון אַ גוסס דאָבײַ.

—„מען האָט אים געטייט!"—האָט חנניה געשריגן
פֿאַרביטערט פֿון צאָרן און כּעס,
עס האָט אין זײַן האַרצן אַ פֿלאַם זיך צופֿלאַקערט
פֿון ווילדער נקמה און האַס!

און שטאַרקער, און ווילדער, און הייסער, און גרעסער
דאָס פֿייער פֿון צאָרן צוברענט.
נקמה!!!—האָט רעש'יק געקלונגען, און אַלע
געכאַפּט דאָס געווער אין די הענט.

און אַלע ווי איינער מיט מוט און מיט גבֿורה
געלאָפֿן פֿאָרויס אין דער שלאַכט,
עס האָבן די שפּיזן אויף שפּיזן געקלונגען—
געציטערט אַרום האָט די נאַכט...

---

נאָר ערשט אין פֿרימאָרגן, ווען ס'האָט זיך געענדיקט
די שרעקלעכסטע נאַכט פֿון דער קריג,

און דאַן האָט יְהוּדָה דערזען זײַן נִצָחוֹן, —
געפֿײַערט זײַן הערלעכן זיג.

* *
*

געוואָלט האָט חֲנַנְיָה באַגראָבן זײַ דינער
אַלײן מיט די אײגענע הענט.
ער האָט אים געפֿונען... און האָט אינ׳ם קָרְבָּן
ע״ז אײגענע טאָכטער דערקענט.

# חַשְׁמוֹנָאִים־בְּלוּט.

אין מַעֲרָב־זייט צופלאַמען זיך די פורפור־וואָלקן,
דער טאָג פאַרשווינדט אויף פייערדיקע פערד...
צי האָט אַנדראָן געטראָפן מיט זיין שווערד
אין האַרץ פון גאָט, און מיט זיין בלוט פאַרפלייצט
דעם הימלס ראַנד, און אֶפְשָׁר אָנגערייצט
אויף אים אויך האָט דער אַכְזָר זיינע פאָלקן?

— „וואָס ציטערסטו אַזוי, מיין האַר, אין אָוונט־שאָטן:
וואָס זענען דיינע ליפן אַזוי אויסגעקרומט?"
— „יְהוּדָה'ס זון פאַרגייט, אַ נאַכט אַ שוואַרצע קומט,
איך הער דעם קרעכץ פון ציון'ס זין אין קריג,
איך הער דעם שׂוֹנֵא'ס פרייד־געשריי פון זיג,
איך זע מיין שטאָלץ בּאַ זיינע פיס צוטראָטן".

די לעצטע פּורפּורנע צונגליטע בלאָסלעך פאַרבן
פאַמעלעך לעשן זיך פון זיין געצעלט,
און טונקל הילט דאָס פּנים זיך פון העלד,
צום דינער צוגעטוליעט ברומט ער שטיל:
— „גיי צו די געפאַנגענע און פרעג ווער ס'וויל
און קאָן זיך נאָך פאַר פרייהייט מקריב זיין און שטאַרבן.

אויך ווער געוואָר, ווו מרים איז, מיין ברודערס טאָכטער,
יהודה'ס שענסטער שטערן פון זיין קרוין.
גיי זע, צי איז ער נישט פאַרלאָשן שוין,
דערצייל איר: נישט געבראָכן איז מיין מוט.
ווי לאַנג איך פיל דאָס חשמונאָים־בלוט
און מיינע אָבֿרים דאָס הייסע ווערט צוקאָכטער".

— — — — — — — — — — — — — —

עס האָבן הונדערטער פאַקעלן און הבֿדלות
געברענט זיך העל אין מאַרמאָרנעם געצעלט,
אין אַלע ווינקלען שטייען אויסגעשטעלט
געגאָסענע אָפגעטער, אויסגעשניצט פון האָלץ,
און אַנדראָן זיצט דעם קאָפּ פאַררייסן, שטאָלץ,
אַרומגערינגלט פון זיינע העלדישע חילות.

—„טרינק ווײַן, טרינק, מרים, מיט מיר פֿון אײן בעכער,
ער שטאַמט פֿון שלמה נאָך, ר'איז דיר נישט פֿרעמד,
צי יעדע כּנַעַנ'ס טאָכטער איז אַזױ פֿאַרשעמט?
שולמית־חן רוט דאָך אױף דײַן געזיכט,
יְהוּדָה'ס רױז, פֿון זאַל מײַן העלסטער ליכט,
צי גערסטו מיך, דײַן הײליקײטס פֿאַרשװעכער?

אָ, מִרְיָם, מִרְיָם!"—האָט געקלונגען זײַן געלעכטער—
„עס ברענט אין האַרץ, כאָטש ס'איז דײַן בליק פֿאַר'חוש'ט!"
ר'האָט תּאַוָה'דיק די ליפּן איר געקושט
און צו זײַן ברוסט איר שײנעם קאָפּ געדריקט,
—...„מײַן גרױסער האַר"—האָט דרײַ מאָל זיך געבוקט
געקלײדט אין בלױען מאַנטל, אײנער פֿון די װעכטער.

...,די גאַסן זענען ליכטיק װי באַטאָג, עס ברענען
אין אַלע עקן פֿעסלעך בױמל־פֿלאַם,
עס װיגן כװאַליעס קעפּ זיך װי אַ ים.
פֿון דײַן פּאַלאַץ צום בֵּית־הַמִקְדָשׁ דאָרט
איז קױם פֿאַר דער פּראָצעסיע דאָ אַן אָרט,
דו מיט די גרױסע לײַט אַדורכגײן קענען.

„...דאָס פֿאָלק איז נײַגעריק צו זען ווי די בצפֿע
פֿון דײַן געגרויסטן ווילן ווערן באַלד
מקוים ווערן — און אַ געמיש־געשטאַלט,
אַ גאָלדענער געגאָסענער אָפּגאָט,
אַזוי ווי ס'איז געווען דײַן געבאָט
אין זייער הייליקן בית־המקדש שטעלן".

. . . . . . . . . . . . . . .

---

עס בלאָזן פֿלייטן און די זילבער־בלעכן קלונגען,
עס קלאַפּן טאַצן קופּערנע צום טאַקט,
די גאַסן זענען אַלע פֿול געפּאַקט
מיט כּתונות חיל גריכישן געדיכט,
דאָס בית־המקדש טונקט זיך העל אין ליכט.
די העלעניסטישע לוים זינגען.

עס ציט זיך אַ פּראָצעסיע, מען טראָגט אָפּגעטער
פֿון אונטער חופּות פּורפּורנע אַפֿער,
עס גייען מיט געמאָסטענע טריט שווער,
אַנדראָן אין קרוין און גאָלד־געוועבטן קלייד
מיט זײַנע אויסגעוויילטע לייט באַגלייט,
מיט כּהנים, מיט... ייִדישע פּאַרעטער.

די האַרפֿעס קלונגען, מענטשן גרוסן פֿון די דעכער
און אונטן ווימלט אַ געדראַנג און ברויזט,
פֿאַרשייטע רוימעריִנס די בריסטן אויסגעבלויזט,
פֿאַרוויס די חופּות פֿירן זיי אויס טענץ,
און קליינע קינדער פֿלעכטן לאָרבער־קרענץ,
געזאַנגען טראָגן העכער זיך און העכער.

אָט איז מען שוין צום הר־הבית צוגעקומען,
עס גלאַנצט דער אָפּגאָט אין דעם כּהנ׳ס האַנט
איין רגע נאָך... נאָר וואָס איז עפּעס? פֿון דער וואַנט,
וואָס צוימט דאָס בית־המקדש — ס׳טויער צו,
וואָס הערן עפּעס זיך פֿון ערגעץ ווו
באַגייסטערטע געשרייען, אַ ווילד ברומען?

עס ווערן שטיינער פֿון די מויערן געשליידערט,
אין איין עק זינגט מען נאָך און ווייסן נישט,
וואָס ס׳טוט אין צווייטן זיך. און אויסגעמישט
געוויין, געזאַנג, געשריי איינעם ווערט,
אָט וואַלגען זיך געטשן אויף דער ערד,
פֿון די באַהעלטענישן קומען יידן.

און איינס דעם צווייטנס קיטן רייסט, די שווערדן שאַרף.
די פאַקעלן לעשן—אויגן צינדן־אָן.
—„ווער ס׳איז צו גאָט, דער צו יְהוּדָה׳ס פאָן!״—
האָט זיך פון בֵּית־הַמִקְדָש־דאַך געהערט
דאָס קול פון מִרְיָם, ווי דאָס שטאָל פון שווערד.
אַ קליינע מַחֲנֶה האָט זיך אינ׳ם קאַמף געוואָרפן...

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

נאָך האַלבער נאַכט. און אַנדראָן זעט די גרויסע טוֹבָה,
וואָס מִרְיָם האָט איר פאָלק געטון אין נויט,
אָט ליגט זי מיט איר פאָטערס ברודער טויט,
אַדורכגעשטאָכן מיט איין רוימער פייל.

— — — — — — — — — — — — — —

פון הימל נייגט אַראָפּ אַ פייער־זייל
און הילט זי איין אין אותיות אין רויטע
יְהוּדָה!...

# III.

# פּאָקען.

# ברויט און פֿאַרווײַלונג!

עס זענען די גאַסן פֿאַרפֿלייצט,
עס ברויזט דער הֲמון,
ווי אַ ריזיקע כוואַליע צורייצט:
די מענער מיט בליציקע אויגן
און טרוקענע ליפּן;
די פֿרויען — פֿאַרשמאַכטע מיט בלייכע געזיכטער;
די קינדער ווי צווײַגעלעך יונגע
פֿריצײַטיק פֿאַרדאַרט.
דאָך זענען די ברייטע געפּלאַסטערטע גאַסן
אַרום דעם סענאַט־הויז מיט חַיִל פֿאַרשפּאַרט

און שטופּן
די מַחֲנוֹת צוריק. נאָר געדיכט און געדיכטער
אַלץ ווערן די שוּרוֹת, די מאַסן.

צו גרויס איז די מַחֲנֶה, צו שרעקלעך דער הונגער.
וואָס קאָנען דען שרעקן,
די שפּיזן פון רוימישע רעקן,
וואָס זענען געווענדט צו די ברוסטן
פון טויזנטער מענער.
צי איז דען נישט גרינגער
צו שטאַרבן אין בלוט דאָ אַצינדער,
ווי לאַנגזאַם זיך צערן מיט ווייב און מיט קינדער
אין נויט?

עס פלאַטערן שוואַרצע צעוויקלטע פאַנער —
דער צייכן פון טויט.
עס פינקלען די בליקן פון צאָרן צוברענט
און פליִיצן די פּרעכטיקע הייזער פאַרביי
אין אָפּשיין פון שקיעָה געפאַרבטע אויף רויט,
עס ציִען צונויף זיך אין פויסטן די הענט

און פון טויזנטער ברוסטן ברויזט אַ געשריי:
— ברויט! ברויט!

נור שטיל!
פון די אייבערשטע שטאָט־טיילן קומען
פאַרהאַלטענע קולות מיט תּאווה'שן ברומען,
דאָס קומען די זאַטע מיט נייע פאַרלאַנגען.
— וואָס, זענען זיי אויך נישט צופרידן, די רייכע,
די גרויסע באַוווינער פון שטיינערנע הייזער?

זיי זענען די ווילן אַריבערגעגאַנגען
מיט שטורם און געבייזער
און קומען מיט שפּאָט
און מיט חוצפּה אינאיינעם
צום הויז פון סענאַט.
נאָר... ווי גלייכע צו גלייכע
אָן ש־עק אין די אויגן,
אָן ציטער די לייבער
די מענער געצירט, געשלייערט די ווייבער,
עס פליסן אַזוי פון טיכער די רייען

די קומען מיט ווילדע געשרייען:
— מיר ווילן פאַרווײַלונג און תּענוג!

— — — — — — — — — — — — —

און דאַן אויפן מאַרמאָרנעם גאַניק
פון דער געצירטער געביידע
זיצט שטיל דער סענאַטאָר, פאַרלייגט זיינע הענט
אַרונטער דער ברוסט, און דער בליק ווייט געווענדט,
קאַלט פלאַם אין די אויגן,
אייז אין דער שטים
און שטאָל איז דאָס וואָרט.
האַרט פרעגט ער דעם דינער, וואָס שטייט נעבן אים
געבויגן:
—וואָס וויל עס די עדה?
— זיך ווײַלן.
— און יענע, דאָרט?
— ברויט!

— — — — — — — — — — — — —

שטיל איז דער סענאַטאָר געזעסן פאַרטראַכט.

דער קאָפּ מיד געזונקען, דער בליק האַלב פֿאַרמאַכט,
עס פֿאַלבן מיט קנייטשן זיין שטערן:
„דאָ וואַרטן צוויי מַחֲנוֹת, ווי ווייט און פֿאַרשידן,
און ביידע באַדאַרף ער צו שטעלן צופֿרידן?..."
און פּלוצלונג צום דינער פֿאַרטרויט ער
אַ סוֹד קוים צום הערן.
און יענער איז שטיל, ווי די טריט פֿונ'ם טויט
פֿאַרשוווּנדן.
און באַלד האָבן פֿאַקעלן זיך הונדערט דערצונדן,
דאָס חַיִל — די מַחֲנוֹת צעטיילט,
די רייבע באַזונדער פֿון ווייטנס געשטעלט,
פֿאַרן הונגעריקן עוֹלָם, געעפֿנט כ'געצעלט
פֿון חַיוֹת בלוט-דורשטיק צורייצט.

. . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . .

עס האָט זיך די מַחֲנֶה פֿון ווייטנס געוויילט,
די צווייטע מיט גלידער דעם פּלאַן אויסגעפּלייצט,
דאָס בלוט איז גערונען, ווי פֿליסנדע קוואַלן
און האָט באַ אַ חַיָּה רַחֲמָנוּת געבעטן,
און דאָרט האָט אַ טיגער זיין קָרְבָּן געטרעטן

אַ קאַמף, אַ קאַמף!
עס האָבן די רייכע זיך בלוטיק געוויילט.
אומגעמעסלעכע קולות, געשרייען אין קראַמף.
עס האָבן די זאַטע זיך האַרציק געוויילט.

- - - - - - - - - - - - - -

און אויפן באַלקאָן פון סענאַט
זיצט קאַלט דער סענאַטאָר און לאַכט
און איבער דעם פּלאַץ אין דער נאַכט
הייבט אויף זיך אַ ריזיקער בילד —
דער שאָטן פון טויט.
עס זיצט דער סענאַטאָר אין חושך געהילט
און קוועלט:
— כ'האָב ביידע צופרידן געשטעלט
די זאַטע—זיי האָבן פאַרווײַלונג געהאַט.
די הונגעריקע?
זיי דאַרפן שוין מער נישט קיין ברויט!

# צוויי חבֵרים

I

זיצט דער קעמפער, העלד אין תּפֿיסה
אַ פֿאַרמשפּטער צום הענגען:
באַלד דעם גלח וועט מען ברענגען,
מיט אים אָפּצוזאָגן ודוי.
זיינע אויגן טריבע, מידע —
קוקן ווייט אַרויס אינדרויסן
אויף דעם גרינעם פּלאַץ דעם גרויסן,
צו דער פֿרייהייט צו דער זיסער —
אַלץ פֿאַרהילט אין שאָטנס טריבע;
אַלץ פֿאַרהילט איז אין אַ דרימל —

בלויז די שטערן פונם הימל
גלאַנצן, שימערן און ווינקען.
אין מַחֲשָׁבוֹת טיף פאַרזינקען
איז דער פרייהייטס־העלד געזעסן
און אַלץ נישט געקאָנט פאַרגעסן
זיינע עלטערן די ליבע.

---

לאַנגזאַם ווערט די נאַכט פאַרשווונדן
און דאָס טונקלקייט ווערט בלאַסער;
שטערן הייבן אָן צו שטאַרבן
איינער לעשט זיך נאָך דעם צווייטן,
און די ערשטע ראָזע פאַרבן
שפּיגלען איין זיך אינם וואַסער,
און אויף מִזְרָח־זייט, פון ווייטן,
ווערט אַ שטראַל באַלד אָנגעצונדן.

דורך די קראַטן פון דער תְּפִיסָה
האָט דער מאָרגן זיך באַוויזן;
שטראַלן גאָלדענע ווי שפּיזן,
ווי אַ שמייכל פאַר דער גְסִיסָה.

פלוצלונג הערט ער פונדערווייטן
טריט דערנענטערן פון דרויסן
און די טיר ווערט אויפגעשלאָסן
עמ׳ען הייסט צום טויט זיך גרייטן:

— גרייט דיך צו צום יום המיתה;
ס׳האָט די לעצטע שעה געשלאָגן.
ווילסטו אפשר עפעס זאָגן
אין די לעצטע פאָר מינוטן? —

— כ׳וויל זיך בלויז איין ווונטש אויסביטן —
האָט געזאָגט דער העלד דער יונגער —
— כ׳וויל, אַז ס׳זאָל מיין טויט זיין גרינגער;
כ׳וויל אַ רגע נאָך אַ זיסע
האָבן אין דער שעה דער לעצטער. —
— זאָג אַרויס אונדז דיין באַגער:
אויב ער וועט נישט זיין צו שווער
וועלן מיר עס דיר דערפילן. —

— מיין בקשה? אָ, דער ווילן
איז דער שוועסטער, איז דער גרעסטער:

כ'האָב אַ מאַמע און אַ שוועסטער
פון פיל ווייַען דורכגענעצטע,
דורכגעווייקטע בלויז פון טרערן
און די וואַרטן און די בענקען.
קאָנט איר מיר די פרייהייט שענקען
נאָכאַמאָל זיי אָנצוקוקן
און צום האַרצן צוצודריקן? —

די וועכטער שטייען שטיל און הערן.

אָפּגעזונדערט פון די צווייטע
שטייט אַ שׂר, געווים דער גרעסטער,
ר'זאָגט צו אים מיט גרוים געלעכטער:
צו דיין מאַמע, דיינע שוועסטער
אין אַ פרעמדער שטאָט אַ ווייטער
ווילסטו לויפן? — הע, איר וועכטער! —
שרייט ער אויס שוין מיט געבייזער;
היט אים! היטער פונם קייזער!

— היט מיך, היט מיך, שוואַרצע היטער,
מיין געדאַנק וועט גיין און גיין,

נאָך מיר אויפשטיין וועט אַ צווייטער,
נאָכן צווייטן קומט אַ דריטער
און אַזוי וועט ווייטער, ווייטער,
איינער פאַלן, איינער אויפשטיין
און מיין וואָרט מיט פייער שלאָגן,
מיין אידייע הייליק טראָגן!
היט מיך, היט, אויף אייער אויפן —
סיי ווי וועל איך נישט אַנטלויפן:
פאַרן שֶקר שווער צו לעבן,
פאַרן אֶמֶת גוט צו שטאַרבן —
העלדן קאָנען רואיק שטאַרבן.
... דאָך אין האַרץ איז דאָ אַ ווינקל
און אין אויג — אַ בלויער פינקל,
גלאַנצט אַ טרער אין אויג אַזוי,
קלעמט און פרעסט אין האַרץ אַזוי,
טריפט פון ביידע, טריפט ביינאַמען,
היט מיך, היט, איר מעגט מיך היטן,
כ׳וועל ביים קייזער דאָס אויסביטן,
כ׳מוז זיך זען היינט מיט מיין מאַמען...—

11

און דעמזועלביקן פרימאָרגן
איז דאָס פאָלק צונויפגעקומען
פאַר דעם טעמפּל־הויז דעם גרויסן,
ווי מיט גלאַנצן און מיט בלומען
אָפּגעוואַרט דעם אַלטן קעניג,
וואָס געווען איז אינעווייניק,
שופֿרות און טראָמפּייטן שאַלן.

ווען ער איז אַרויס אין דרויסן
און געוואָלט דאָס פאָלק באַגריסן—
האָט פון אַלעמען פאַרבאָרגן

פלוצלונג ווער זיך דורכגעריסן
און געלאָפן צו צום קעניג
און געבוקט זיך אונטערטעניק
און פאַר זיינע פיס געפאַלן.

און די קעניגלעכע היטער,
און די סוויטע שטאָלצע ריטער,
ווילד פאַר צאָרן און דערשראָקן
זענען צו אים צוגעלאָפן.
נאָר דעם קעניגס ערשטער זָקן,
וואָס איז בײַ זיין זייט געשטאַנען
פרעגט אים: — וואָס איז דיין פארלאַנגען? —
— מיך נאָך גאָרנישט, נאָר דער בראַווער
פריידהייטס־קעמפער איז מיין חבֿר,
און ער האָט געשיקט מיך זאָגן:
פאַר זיין וואָרט, וואָס איז געפאַלן
וועגן פרייהייט פאַר דיין פאָלק,
וועגן גליק און ליכט און שטראַל,
וועגן קנעכט און וועגן האַרן,
וועגן פינסטערניש און נויט —

אים, אָ האַר פון אַלע הערן,
האָסטו פאַראורטיילט צום טויט?
שטייט זיין תּליה גרייט צום הענגען —
ווייל ער, זאָלסט אים נישט אומברענגען,
איידער ר׳זעט זיך מיט זיין מוטער
אינם לעצטן טאָג פון לעבן...״
—„וואָס וועט ער אַ משכּון געבן,
אַז ער וועט צוריק אומקערן״ —
פרעגט דער אַלטער גרויער קעניג.
— בײַ זיין שוועסטער, בײַ זיין מאַמען
מיט זיין אידעאַל צוזאַמען
וועט ער שווערן, וועט ער שווערן.

— איז דען אויף דער וועלט פאַרהאַנען
יענער, וואָס וואָלט בײַגעשטאַנען
דעם נסיון — ווען אַ שטערבן
איז צום לעבן דורכגענומען,
אַז מען זאָל אים פרייהייט געבן
זאָל צום טויט אַליין צוריקקומען?
ניין, זיין שבועה איז מיר ווייניק! —

— נעם מיך פֿאַר אַ מַשְׁכּוֹן, קעניג,
זע, איך וויל מײַן חֲבֵר רעטן.
האָט אַ תְּנַאי געשטעלט דער קײזער:
— אויב צום דריטן מאָרגן וועט ער
נישט צושטעלן זיך באַגינען —
אָנשטאָט אים דעם טויט געפֿינען
זאָלסטו דרײַ מינוטן שפּעטער! —
— אויב ער וועט צוריק נישט קומען,
זאָל איך ווערן זײַן אויסלייזער. —
— דײַן געבעט איז אָנגענומען.

## III

---

עפּעס הערן זיך די גלאָקן
קלינגען סודות׳דיק פאַרבאָרגן ;
ס׳איז שוין איינס, דער צווייטער מאָרגן
און ער איז נאָך נישט געקומען.
און דער טרייער חבֿר זיינער
אין דער תּפֿיסה איז געזעסן,
און עס האָט זיין האַרץ געשראָקן :
זאָל ער האָבן מיך פאַרגעסן ?
זאָל מיין חבֿר מיך פאַרראַטן ?

ס'איז שוין היינט דער טאָג דער צווייטער
און די שָעה'ן לויפן ווייטער
נאָך איין טאָג, אַ טאָג נאָך איינער...
און ער האָט אַ בליק אַ שטומען
אַלעמאָל אַרויסגעוואָרפן
דורך די קליינע תְּפיסָה־קראַטן,
דורך דעם פענסטערל פון אייזן,
ווו זיין חֲבֵר האָט געדאַרפן
פון דערהיים זיך שוין צו ווייזן.

## IV

שטייט אַ הייזל איינגעבויגן
ערגעץ ווייט, דאָרט, צווישן גראָז,
ווי פֿון גאָט און לייט פֿאַרלאָזן.
אין דעם הייזל אין דעם קליינעם
שטייען ווי צונויפֿגעגאָסן
מאַמע, שוועסטער, זון אינאיינעם
און פֿון אַלע ווירע אויגן
זענען שטראָמענווייז געפֿלאָסן
ביטערע און הייסע טרערן:

— מאַמע, כ'מוז זיך שוין אומקערן —

האָט דער זון זיך הייס געבעטן —
— זע, עס האָט די שעה געשלאָגן,
כ'מוז אַצינד די שעה אָניאָגן,
כ'מוז פון דאַנען שוין אָפּטרעטן. —
— גייסטו אַוועק? אָ, זע, מיין ליבער!
קינד, דו האָסט אַ טאָג, נאָך מערער
צייט צו גיין. און אַזאַ שווערער,
שעה ווי לאָזטו אונדז דאָ איבער? —
האָט געקלאָגט די מאַמע זיינע,
— מאַמע, מאַמע, טרייע מיינע, —
האָט ער מיט אַ קול אַ האַרטן
דאָך מיט ווייכע רייד צוזאַמען
אויסגערופן צו זיין מאַמען:
— קאָן איך לאָזן דאָרטן וואַרטן
מיינס אַ חבר אַ געטרייען,
כ'זאָל אים נישט פון שרעק באַפרייען
און די פריידהייט זיינע רויבן?
— ער וועט גלייבן, ער וועט גלייבן,
פינקטלעך וועסטו זיך באַווייזן —
קיינער וועט דיך נישט אויסלייזן, —

—שרעק נישט... בלייב דעם טאָג נאָך, ברודער,
האָט געזאָגט די שוועסטער ווידער.

— ר'האָט געפאָלגט און איז געבליבן.
ס'האָט די צייט דעם טאָג געטריבן
און די נאַכט איז צוגעפאַלן.
טרערן גיסן זיך, ווי קוואַלן,
ר'קושט די שוועסטער, ר'קושט די מוטער, —
מאָרגן איז דער טאָג דער דריטער
און ער מוז זיי שוין פאַרלאָזן.

## V

ס'האָט אַ בייזער ווינט געבלאָזן,
וואָלקענס שטויב האָט ווי אַ טורם
זיך צום הימל אויפגעהויבן.
אין דער טיפער שוואַרצקייט אויבן
האָט אַ בליץ זיך אָנגעצונדן
און אין טיפעניש פאַרשוונדן
דונערקנאַלן ווי אין שטורב,
ביימער ווערן איינגעבויגן
און עס ברעכן זיך די צווייגן.
און פון די אָפּגרונטן שטייגן

אויף מיט טויזנטער פֿיל אויגן
פֿון דער שוואַרצער מאַכט מְלָכִים
און עס האָגלט ווי מיט שטיינער.
און דער קעמפֿער איינער, איינער
לויפֿט. עס דוכט זיך אים, אַז נאָך אים
קומען אויף דעם ווינט צו רייטן
עפּעס גייסטער שוואַרץ געהיימע
און זיי וואַרפֿן און פֿאַרשפּרייטן
אויף זיין וועג פֿון אַלע זייטן
שטעכנדיקע דערנער־שלאַנגען.

און דער העלד איז אַלץ געגאַנגען.
און אַ שווערע גרויסע אֵימָה
האָט זיין האַרץ אַרומגענומען —
אֶפְשַׁר וועט ער נישט אָנקומען
צו דער צייט צום חָבֵר זיינעם?

ס'האָט דער טאָג זיך שוין באַוויזן,
הויכע טורעמס, ווי די ריזן
זעען זיך שוין פֿון דער ווייט

— איז נאָך ווייט צו שטאָט פון דאַנען?
— נאָך איין וואַסער איז פאַרהאַנען
און ער וועט זיין צו דער צייט.

און אָט איז ער צוגעלאָפן
צו דעם טייך. נאָר ווי געטראָפן
פון אַ דונער אין זיין האַרצן —
ס'איז די בריק געווען צובראָכן.

שטיין געבליבן פול מיט צווייפל
איז דער יונגער העלד אָן כח,
נאָר דאָס בלוט שלאָגט אין זיין מוח
און אין האַרץ הייבט אָן צו קאָכן:
— איז דאָס נאָר אַ שפּיל פון טייוול,
כדי מיין נאָמען צו פאַרשוואַרצן
צו דער צייט זיך צוצושטעלן? —
— ניין! — — —
ער וואַרפט זיך אין די וועלן.

— — — — — — — — — — — —

מיט די כוואַליעס, ווי מיט אינדן,

ווי מיט בּיזע צפון־ווינטן,
ווי מיט גרינע בּיזע שלאַנגען
האָט אַ קאַמף זיך אָנגעפאַנגען:
ווי אַ שפּילעכל פון אויבן
האָבן זיי אים אויפגעהויבן
און דערנאָך געשלידערט אונטן,
דאָ פון פאָרנט, דאָ פון הינטן
און ר'האָט אָנגעהויבן זינקען —
ש'ויר האָט ס'וואַסער אים פאַרטרינקען.

— — — — — — — — — — — —

## VI

גלאָקן פון די טורעמס קלינגען
פויקן־קלעפּ און קלאַנג פון קייטן, —
ס'זעט דער העלד שוין פונדערווייטן,
ווי מען פירט זיין חבֿר הענגען.
פריסטערס הייבן אָן צו זינגען,
ווילן זיין נשמה ברענגען
פאַר גאָטס משפּט גלייך אין הימל.
און די פּעטלע איז געלעגן
אויף זיין האַלדז שוין צו פאַרציען.
פּלוצלונג, עפּעס ווערט אַ טומל
און מען זעט פון וועג אַקעגן
קומט אַ מענטש אָן, ווי צו פליען,
און מען הערט זיין ווילדן שרייען:
— חבֿר, כ'קום דיך שוין באַפרייען!

און דער קעניג פול מיט שטוינען
אין דער רֶגַע איז געשטאַנען:
— איז נאָך אויף דער וועלט פאַרהאַנען
פריינטשאַפט אֶמֶתע און טרייע?
פון די ליבע היים די פרייע
ביזטו צו דעם טויט געקומען?!
— יאָ, איך האָב מיין וואָרט געגעבן!
— אויב אַזוי, וועל איך באַלוינען —
זאָגט דער קעניג דורכגענומען
מיט געפיל פון שאַנד און בושה,
שטאַרק בּאַ זיך אַראָפּגעפאַלן: —
— הער, איך שענק דיר, העלד, דאָס לעבן
מיט אַ תְּנַאי: אויך מיך אינמיטן,
צווישן אייך אַלס פריינט אַ דריטן
נעמט אַריין, מיט כּוחות פרישע
וועלן מיר דעם פּאָדעם וועבן
פון די גרויסע אידעאַלן...

# דער ווייסער שלייער

פאַרשפּאַרט אין דער פינסטערער איינזאַמער תּפֿיסה
פאַר׳משפּט צום טויט איז געזעסן
אַ גראַף פון אונגאַרן, אַ קעמפער פאַר פרייהייט,
אַזוי ווי פאַרלאָזט און פאַרגעסן.

די נאַכט איז אין דרויסן אַ ווייסע געווען,
באַהאָנגען מיט זילבערנע שטראַלן,
עס איז אויך דער שיין דורך די אייזערנע קראַטן
אַריין אין דער תּפֿיסה געפאַלן.

מען הערט נישט קיין שאָרך פון קיין לעבעדיק נפֿש,
פאַרזונקען איז אַלץ אין אַ דרימל,
עס וואַכן נאָר בלויז די לבֿנה און שטערן
אין פרעכטיקער בלויקייט פון הימל.

און פּלוצלונג: עס הער׳ט זיך אַ רוישן פון שליפּלען
און יענער זייט מיר ווער׳ט צוגאָסן.

—„ווער קומט?"—געטראַכט האָט דער גראַף זיך מיט ציטער
און אָט איז די טיר אויפגעשלאָגן.

אָט זעט ער דאָס ליכט פונ'ם ווערטערס לאַמטערל
מיט אים אַ געשטאַלט קומט אין שוואַרצן,
אָט הערט ער אַ שטימע אַ ליבלעכע רופן,
אָט דריקט אים צו עמיץ צום האַרצן.

אָט פילט ער, ווי צערטלעכע ליפן באַרירן,
באַדעקן מיט קושן זיין שטערן,
עס שוידערט זיין גוף אויף אין אַנגסטלעכן שטוינען,
עס ציטערט זיין שטימע פון טרערן.

—„דו, מאַמע? אָ מאַמע, ווי ביזטו געקומען?
צענפאַכיק פאַרשלאָסן איז ס'טויער?"
—„די ליבע אַ מאַמעס רייסט שלעסער און ריגלען —
צוברעכט און שפּאַלט איבער אַ מויער!"

—„אָ, מאַמע, מיין מאַמע, איך ווייס דיין כּוונה
מיין נאַכט איז די לעצטע, מסתּמא,
געזעגענען ווילסטו זיך, מאַמע, איך פיל דאָס,
געזעגענען? מאַמע, אָ, מאַמע!..."

—„זיי רואיק", — האָט ווידער די מאַמע געענטפערט —
„איך זאָג דיר, מיין זון, וועסט נאָך לעבן,
כ'וועל לויפן צום קייזער אַהין פאַר דיר בעטן,
ער וועט און ער מוז דיר פאַרגעבן.

„מיט אים איז אַ הייפל פון שׂררות און שׂרים,
תּליָנים און חיל באַלווינטע;
מיט דיר איז דאָס פאָלק דאָס צובראָכטע אין גרויסקייט,
פאַר וועלכע עס שרעקט די געקרוינטע.

„נאָר שטאַרקער פון אַלץ איז די ליבע אַ מאַמעס:
ברעכט הערצער פון שטאָל און פון אייזן,
דער ווילן פון פאָלק און די ליבשאַפט אַ מאַמעס,
זיי קאָנען דאָך וואונדער באַווייזן.

„דעריבער, מיין קינד, אַז דער תּלין וועט קומען
באַגינען דיך פירן צום הענגען —
דאַן גיי און זיי זיכער, מען וועט דיין באַפרייאונג
די לעצטע מינוטן דיר ברענגען".

„איך גיב דיר, מיין קינד, צוויי סימנים, זאָלסט קוקן
ביים תּליה־פּלאַץ נאָנט אויף אַ מויער,

און אויב, אַז דו וועסט מיך דערזען און דערקענען
אין שוואַרצן געקליידעט, אין טרויער".

„אָ, דאַן זאָלסטו וויסן, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן,
פאַרשפּילט האָסטו שוין דיינע יאָרן,
מיין קינד, אַז דו שטאַרבסט ווי אַ העלד פאַר'ן אֱמֶת, —
זאָל בלייבן ביי דיר אין זִכָּרון".

„פאַרקערט, אַז דו וועסט אָבער זען מיך, דיין מאַמען
געהילט אין אַ שלייער אַ ווייסן,
דאַן וויס: ס'האָט דיין מאַמע גע'פּועל'ט ביים קיי,ער
און ר'האָט דיך באַפרייען געהייסן".

„אַפילו דער תּליִן וועט נעמען די פּעטליע
און וועט אויף דיין האַלדז זי פאַרלייגן,
אַלץ זאָלסטו זיין רויק, זאָלסט וואַרטן און האָפן,
זאָלסט שמייכלען און גאָרנישט זיך פרעגן..."

---

בים־באָם! בים־באָם!
עס האָבן באַגינען געטראָגן זיך קלאַנגען
פון גרויסע פאַרבאָרגענע גלאָקן,

ווי סודות געהיימע, באַהאַלטענער טרויער,
אַזוי האָט דאָס קלינגען געשראָקן.

דער מאָרגן איז טריב און עס האָט זיך דער הימל
מיט וואָלקנס, מיט שוואַרצע פאַרצויגן,
דאָס פאָלק איז געשטאַנען אַרום ביי דער תּליה,
די קעפּ צו דער ערד שטיל געבויגן.

אַט הערט זיך טראָמפּייטן און קלאַפּן פון פּויקן —
באַוואַכט איז דער קעמפער געקומען,
ער שמייכלט אַרויף צו די פענסטער, פון וואַנען
מען האָט אים באַוואָרפן מיט בלומען.

אַט האָט שוין די שָעה אויסגעשלאָגן די לעצטע
עס הערן צום לעצט זיך די שאַלן,
עס רייסן זיך זיפצן אַרויס פון די הערצער,
עס גיסן זיך טרערן ווי קוואַלן.

נאָר איינער איז רואיק, דער גראַף פון אונגאַרן,
ער זעט דאָרט זיין מאַמע און ווייסן,
ער ווייסט ס'וועט באַלד קומען דעם קייזערס שליח
און וועט דאָך זיין פּסק־דין צוררייסן.

אָט ליגט מען דעם שטריק אויף זיין האַלדז–און ער שמייכלט
און שמייכלענדיק איז ער געהאַנגען.

— — — — — — — — — — — — — —

דאָס פאָלק האָט זיך טרויריק געזעצט אויף די קניען,
אַ תּפילה געזאָגט, און צוגאַנגען.

* *

# אינהאַלט:

I

## די רויטע לעגענדעס:

(איטאַדראַפּעען)


דער נס אין געטאָ . . . . . . . . 7

קרבן פּסח. . . . . . . . . . 17

דריי הייליקע . . . . . . . . . 26

דער ניגון פון כל נדרי . . . . . . . 46

רבי אַמנון. . . . . . . . . . 52


II

## עפּל, גאָלד, גלאַנץ:


רות . . . . . . . . . . . 65

קהלת . . . . . . . . . . . [illegible]

ירמיהו'ס טרערן . . . . . . . . 76
די געפאַנגענע . . . . . . . . 80
גלאַדיאַטאָרן . . . . . . . . 87
דעם גבור'ס טאָכטער . . . . . 91
חשמונאים-בלוט . . . . . . . . 98

III

## פּ אַ ק ל ן :

ברויט און פאַרוויילונג . . . . . 107
צוויי חברים . . . . . . . . 113
דער ווייסער שלייער . . . . . . 133

דאָס נייסטע בוך פון

# ל. מלאך „אָפּפאַל"

## וואָס ערשיינט קירצלעך אין אונזער פאַרלאַג,

געהער צו די מערקווירדיקסטע און באַדייטנדיקסטע זאַכן, וואָס די יונגע יידישע דיכטונג האָט לעצטנס געשאַפן. אין אַן אָריגינעלער דראַלאָגישער פאָרם, איז דעם דיכטער געלונגען אויפצולעבן פאַר אונז אַ גאַנצע וועלט פון פרעכטיקע בילדער, טיפּן, כאַראַקטערן, געשעענישן און האַנדלונגען מיט זייער גאַנצן פאַרפּלאָנטערטן קאָמפּליצירטן צאַפּלען זיך צווישן פאַרצווייפלונג, עקל, האַס, קנאה, און זוכן אַן אָפּשיין פון טרייסט אין דעם אויסלאַכן די אייגענע ליידן און זען די זעלבע פאַרדאָרבנקייט אין אַלע ווינקעלעך פון אַלגעמיינעם לעבן. די שורות פון דעם מערקווירדיקן בוך זענען אָנגעזאַפּט מיט אַזאַ הייסן פולסירנדיקן לעבעדיקן אָטעם, אַז זיי רייסן זיך אַריין אין אונזער געפיל און געדאַנק, באַהערשן אונזער געמיט און מאַכן אונז לעבן מיט דעם „לעבן" פון דערדאָזיקער „אָפּגעפאַלענער" וועלט, וואָס איז אויבערפלעכלעך אַזוי מיאוס, אַזוי פינסטער, און אין וועלכער דאָס דיכטערישע אויג לאָזט אויפלייכטן פאַר אונז אַזוי פיל הערלעכע אָפּשיינען פון אידעאַלער, צאַרטער און טיפער מענטשלעכקייט. און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס בוך שוויבלט מיט דער רייכסטער גאַלעריע פון נידריקע פאַרשוינען פון דער „הינטער־וועלט" מיט זייער גאַנצן „נאַקעטן" לעבן און „גראָבן זשאַרגאָן", איז עס אָבער איינגעהילט אין אַזאַ טיף־אומעטיקן און האַרציקן לייט־מאָטיוו, אַז די גאַנצע פאַרדאָרבנקייט קלינגט אונז אָפּ אין האַרץ, ווי אַ שטיל יאָמערן פון אַ מענטשלעכער נשמה.

דאָס בוך ערשיינט באַצירט מיט צייכנונגען־קאָמפּאָזיציעס פון מאָלער ישראל טיקאָטשינסקי.

פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע